פארגרעסערטע
פסח אויסגאבע

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ג'
נומער קכ"ב
**יו"ט פסח**
תשפ"ב

# זמן חרותינו

## א נסיעה ארויס פון מצרים





נסיעה קיין ארץ ישראל אדר ב' תשפ"ב



נסיעה קיין ארץ ישראל פר' ויגש תשפ"ב



נסיעה אויף קברי צדיקים אין אייראפע



שבת חנוכה אין קרית ברסלב



שבת התוועדות סיום סדר מועד

**קרית ברסלב בלעטל וואונטשט פאר אלע חשובע לייענער א פרייליכן כשר'ן פסח**

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# בריוו
פון דער רעדאקציע

## יום טוב פסח תשפ"ב

לכבוד יום טוב פסח שטעלן מיר אייך פאר א הערליכע ביילאגע פון לעצטערע נסיעות ביים ראש ישיבה שליט"א, הערליך באשריבן דורכ'ן ראש ישיבה, בייגעלייגט מיט בילדער פונעם נסיעה.

יעצט ווען מיר אלע גייען אויף א נסיעה "ארויס פון מצרים" - מען גייט ארויס פון אלע עצבות ומרה שחורה, און מען גייט אריין צו א וועלט פון לעבן מיטן אייבערשטן און לערנען תורה יעדן טאג אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז, איז נישט מער ווי א פאסיגע צייט אראפצושרייבן פאר אייך אפאר געקליבענע נסיעות ביים ראש ישיבה, פון וואס מיר האפן אז איר וועט גאר שטארק הנאה האבן, און ארויס נעמען פון דעם חיזוק וויאזוי מען קען ארויסשפאצירן פון די היינטיגע מצרים, וואס דאס איז אונזער יצר הרע וואס רעדט אונז אן צו האבן קשיות אויפן אייבערשטן, און זיין צובראכן פון אלעס וואס גייט אריבער.

ליינט און האט הנאה.

## זמנים
Liberty

**פסח ט"ו ניסן תשפ"ב**

**הדלקת הנרות**........07:21
**מוצאי יו"ט** ..........08:54

צווייטע טעג

**הדלקת הנרות**.........07:28
**מוצאי יו"ט**...........09:00

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 15 | 58°/42° | | Mostly Sunny |
| Sat 16 | 55°/40° | | PM Showers |
| Sun 17 | 49°/39° | | Showers |
| Mon 18 | 52°/37° | | Showers |
| Tue 19 | 47°/34° | | AM Rain/Snow Showers |
| Wed 20 | 48°/32° | | Mostly Cloudy |
| Thu 21 | 49°/34° | | Partly Cloudy |
| Fri 22 | 54°/41° | | Mostly Cloudy |

## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

קרית ברסלב ליבערטי יצ"ו

נתייסד ע"י כ"ק מרן הגה"ק מוהרא"ש זי"ע – בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

*181 Huschke Rd Huerleyviller NY 12747*

### זמנים ליום טוב פסח

**ערשטע טעג**

שחריתביידע טעג......10:30

**עס וועט נישט קיין סיפורי מעשיות נאך שחרית**

מנחה ביידע טעג......8:00

**צווייטע טאג שחרית וועט דער ראש ישיבה דאווענען אין ביהמ"ד אשר בנחל**

**צווייטע טאג מנחה וועט דער ראש ישיבה דאווענען אין ביהמ"ד עצתו אמונה, עס וועט זיין א שמועס נאכן דאווענען אם ירצה השם**

**זמנים לחול המועד**

ערשטע מנין שחרית......9:00
דף גמרא שיעור......10:00
שחרית מיט'ן ראש ישיבה שליט"א......11:00
מנחה מעריב......8:15

**עס וועט זיין א שיעור פונעם ראש ישיבה יעדע נאכט נאך מעריב**

**זמנים פאר די צווייטע טעג**

**שביעי של פסח ביינאכט וועט מען זיך צאמקומען אין ביהמ"ד אשר בנחל 11:30**

שחרית ביידע טעג......10:30

**עס וועט זיין א קידוש אחרון של פסח נאך שחרית**

מנחה ביידע טעג......7:45
בעילת התג סעודת משיח......8:00

**אויב עס וועט זיך עפעס טוישן וועט מען מעלדן אם ירצה השם**

**הנהלת בית המדרש**



# א אפענהארציגע
# בריוו

בס"ד.

כבוד הרב הגאון הגדול, מעוז ומגדול, דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו מורינו הרב ר' יואל רוטה שליט"א ראש ישיבת תפארת התורה ומנהיג חבורת היכל הקודש, ה' עליו יחי'

אחרי דרישת שלום תורתו הרמה כראוי - וועל איך שרייבן אויף אידיש. מיר האבן זיך געטראפן אין ביהמ"ד ... אין א וואכן טאג, איך האב אייך געבעטן אייער אדרעסס ווייל איך וויל זייער שטארק אייך שרייבן א בריוו. איך בעט אייך זייער בכל לשון של בקשה, ביטע מפרסם זיין דעם בריוו ככתבו וכלשונו, ווייל עס איז דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב; אויב מעגליך נאך אינעם פסח גליון, ווייל דאס ווערט געוועגליך שטארק מפורסם און געליינט בקרב כל בית ישראל.

איך שיהי', איך געדענק נישט צי איך האב אייך דאס געזאגט דעמאלט אין בית המדרש, איך בין בכלל נישט קיין ברסלב'ער חסיד און איך האב לעת עתה נישט קיין שום פלאן נתקרב צו ווערן צו ברסלב, נישט צוליב נעגעטיווע סיבות, נאר פשוט בתוך עמי אנכי יושב; איך בין אויפגעצויגן געווארן אזוי ווי איך בין, און איך בין נישט נשפע געווארן פון קיין שום אנדערע מהלכים אדער קרייז, אויך נישט ברסלב.



טאקע דערפאר בין איך געאייגנט צו שרייבן דעם בריוו, ווייל דער פסוק זאגט (משלי כז, ב): "יְהַלֶּלְךָ זָר וְלֹא פִיךָ נָכְרִי וְאַל שְׂפָתֶיךָ" – א פרעמדער זאל דיך אויסרומען און נישט דיין מויל, דרויסנדיגע און נישט דיינע אייגענע ליפן. אלזא אלס פרעמדער און דרויסנדיגער צו ברעסלאוו און אייער גאנצע קהילה - ביטע ערלויבט מיר צו מקיים זיין דעם פסוק און שרייבן מיינע איינדרוקן.

טייערער ראש ישיבה און טייערע חברים פון די קהילה, איר אלע ווייסט אודאי' געוויס אז דריי גרויסע ברענעדיגע פראבלעמען פלאגן כלל ישראל אין די איצטיגע תקופה (פון דעם קומט ארויס א פערטע פראבלעם וואס ווערט שטארק פארבעסערט ווען די דריי גייען אוועק) און דאס איז: 1. די מאנגל אין ישיבות פאר אסאך בחורים, 2. די מאנגל אין עפארדעבל דירות וואו צו וואוינען בהרחבת הדעת, 3. און די אומגעהויערע גרויסע הוצאות החתונה און ארום. (און פון דעם קומט ארויס די פערטע פראבלעם שטארק מער, דער פראבלעם פון שידוכים – וואס איז בעצם יעדעס מאל א פרטיות'דיגע זאך אבער ווערט פארשווערט פון די ערשטע דריי גאר שטארק).

דאס וויל איך ארויסברענגען, אז חוץ וואס איך זע אין די מזל טוב צעטלעך אז איר פערזענליך זענט אסאך מאל דער שדכן ביי חברי הקהילה, און געוויס העלפט איר ארויס אין אנדערע שידוכים וואו א צווייטער איז שדכן, וויל איך צוקומען צו די דריי גרויסע ברענעדיגע פראבלעמען פון כלל ישראל וואס איר האט זיך אריינגעווארפן צו לינדערן. קודם דאס אז א געוואלד מיט בחורים, אפילו ערליכע און

געלונגענע - דרייען זיך ארום אן א ישיבה, און אפילו ווער עס עפנט א ישיבה לתועלת הציבור, איינמאל עס איז שוין געבויט און באפעסטיגט - הויבט מען זיך אן צו קלויבן בחורים מיט כל מיני חשבונות, איז אבער באקאנט אז אייער ישיבה האט ברייטע אפענע טויערן, און יעדער בחור פון כלל ישראל וואס איז ארויסגעבליבן - ווערט נישט אוועקגעווארפן אדער אוועקגעשיקט, נאר לויט ווי איך הער נעמט מען זיי אויף מיט אפענע ארעמעס, אשרי לכם ואשרי חלקכם, ומכם ילמדו וכן יעשו.

יעצט צום צווייטן און צום דריטן פראבלעם וואס איז דערווייל נאר געלינדערט ביי אייער קהלה און קרייז, פיל איך אז מען דארף דאס אויסשמועסן, סיי אלץ חיזוק פאר אייער קהילה און סיי אלץ מאטיוואציע און שטופ פאר אנדערע מנהיגים, רבנים און עסקנים פון אנדערע קרייזן און קהילות: דאס הייסט א מנהיג וואס באפאסט זיך מיט די פראבלעמען צו די זאך. וואס מען רופט אויף ענגליש ׳העד-אן׳.

דאס אויפשטעלן דעם ישוב אין ליבערטי לשם ולתפארת ולתהלה מיט אלע געברויכן וואס א ישוב דארף צו האבן, ווי מען זאגט ׳פון וויגל ביזן גריבל׳ בכל פרטיה ודקדוקיה אן א הילף פון דרויסנדיגע אינוועסטארס וכו׳, נאר לשם שמים, צו העלפן פאר אידישע קינדער, אשרי לכם ואשרי חלקכם.

און אזוי אויך מיט׳ן חתונה מאכן, וואס מען האט געטון צו דער זאך מיט די אומזיסטע חתונות און אלעס ארום פאר שפאט ביליג, ארום אכציג מחותנים האבן זיך שוין געשפאר אזוי סאך געלט, איך קען נישט די חשבונות אבער אויב א דורכשניטליכער מחותן האט זיך געשפארט ארום פופציג טויזנט דאלער, האט איר שוין געשפארט דירעקט כאטשיג פיר מיליאן דאלער אידיש געלט פון גיין לטמיון, און נישט געדארפט שנארן, אין צוגאב וואס עס איז משפיע אויף ארום און ארום, אז אנדערע זאלן אויך לכבוד דעם מצמצם זיין. עס קען רואיג געזאגט ווערן אז ביז היינט האט איר שוין געשפארט ארום

פינף מיליאן דאלער אידיש געלט (און בלוט, דמים תרתי משמע) - פון אויסגיין פאר כל מיני שטותים והבלים, ועוד ידכם נטוי׳, און אפגערעדט פון די שפאראזאמקייט ביי אנדערע שמחות, ווי בר מצוה׳ס, וואך נאכט׳ס קידושים, ועוד.

צו מאכן די חשבונות פון געלט געשפארט פון די ישוב - איז יעצט נישט מיין מעגליכקייט, אבער זיכער אויך אין די גרויסע מיליאנען.

צו רעכענען די קאסט פון א בחור וואס טרעפט א ישיבה איז אויך נישט קיין עסק יעצט פאר מיר, אפגערעדט פון די רוחניות׳דיגע קאסט פון הצלת נפשות מישראל, וואס האט נישט קיין שאץ און קיין ערך.

אלזא וויל איך זיך באדאנקען פאר אייך אלס א פשוט׳ער מעמבער פון כלל ישראל, אז איר טוט אזויפיל צו לייזן און פארגרינגערן פאר די פראבלעמען; וואויל איז אייך, און איך בין מקנא די אנהענגערס פון אייער קהילה, אז זיי האבן אזא מנהיג וואס טוט אזויפיל פאר אייך, און אין איינוועגס פאר גאנץ כלל ישראל.

אפשר וועל איך מיט דעם בריוו אויך אויפטון אז אייערע בני הקהילה און ארומיגע וועלן כאטשיג וויסן מחשיב צו זיין וואס מען טוט פאר זיי, און שטיין צו די האנט און פארגרינגערן מיט וויפיל עס איז נאר מעגליך און חלילה נישט פארשווערן די ארבעט מיט פריוואטע נגיעות אדער חשבונות וואס קומען געווענליך אונטער ביי יעדע דבר שבקדושה, און פארשווערן די הייליגע ארבעט.

געדענקט, אויב איר זענט מצליח - זענט איר זיכער גורם אז נאך מנהיגים וועלן אויך טון פאר זייערע קהילות, כאטשיג אביסל פון וואס איר טוט, און אלע וואס העלפן צו - וועלן האבן א חלק און העלפן גאנץ כלל ישראל.

זייט געזונט און שטארק, א כשר׳ן פריילעכן פסח

# היכל הקודש נייעס

ארץ ישראל

## תלמידי היכל הקודש געדענקען צום גוטן דעם איש החסד דאקטער ר' יצחק ראזענבערג ז"ל



מיט צער און ווייטאג נעמען אנשי שלומינו אויף די שווערע בשורה איבער די פטירה פון אונזער חבר הרה"ח יצחק ראזענבערג ז"ל, וואס האט צוריק געגעבן זיין לויטערע נשמה צום באשעפער, דעם ערב שבת קודש טהרה.

ר' יצחק ז"ל, טראץ דעם וואס ער איז געווען גאר א פארנומענער מענטש, זייענדיג אן אויסגערופענעם דאקטער, האט אבער זיכער געמאכט גוט אויסצונוצן זיינע טעג, און זיי אנגעפילט מיט תורה, מצוות און מעשים טובים, ער האט צווישן זיינע פילע לימודים געענדיגט הונדערטער מאל משניות.

ביים שיעור דאנערשטאג נאכט טהרה האט דער ראש ישיבה דערמאנט פון ר' יצחק, אז פאר א גוטע פאר יאר צוריק האט אים שוין ר' יצחק געזאגט אז ער האט שוין געענדיגט איבער 400 מאל משניות, ער פלעגט זאגן יעדן טאג 18 פרקים משניות, האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט "זיינע הונדערטער סעטס משניות נעמט ער מיר דארט אויבן, און דאס וועט אים אפהיטן פון אלעם בייזן, אזוי אויך אלע אנדערע לימודים וואס ער האט געהאט, דאס באגלייט אים דארט אויבן."

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם וואס ר' יצחק וועלכע איז געווען א דאקטער האט גאר געטריי באדינט מוהרא"ש זי"ע, אסאך מענטשן האבן געהאלפן מוהרא"ש, אבער אויף ווייניג מענטשן קען מען זאגן אז זיי האבן באדינט מיט געטריישאפט, ר' יצחק איז פון די מענטשן וואס האבן באדינט מוהרא"ש גאר געטריי, און קיין שום חשבונות, און האט געהאט די זכיה צו ראטעווען דאס לעבן פון מוהרא"ש ווען ער האט געהאט דעם שווערן הארץ אטאקע אחרון של פסח, און איז געווען די גוטע שליח צו געבן פאר די וועלט די זכיה צו האבן מוהרא"ש מיט אונז פאר נאך עטליכע גוטע יארן.

אויך איז ר' יצחק געטריי געשטאנען צום ראש ישיבה שליט"א, געהאלפן דעם ראש ישיבה ביים עפענען די הייליגע מוסדות, און בכלל מיט אלעם וואס ער האט נאר געקענט. ר' יצחק איז אלץ געווען א פרייליכער איד, און זיך קיינמאל געמישט אין קיין מחלוקת, נאר אלץ געהאט א גוט ווארט פאר יעדעם.

ר' יצחק פלעגט שטארק מחזק זיין און העלפן די מפיצים, אין זיינע אינגע יארן פלעגט ער אליינס עוסק זיין אין הפצה ווען ער פלעגט אפכאפן און פארקויפן די טעיפס פון די שיעורים פון מוהרא"ש. אויך פלעגט ער מגיה זיין די ענגלישע קונטרסים פון מוהרא"ש, שפעטערע יארן פלעגט ער פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט "חיזוק יומי" פון מוהרא"ש און דער ראש ישיבה, און מיט דעם מחזק געווען טויזענטער אידישע קינדער.

ר' יצחק איז געשטאנען ביים שפיטאל בעט פון מוהרא"ש אין זיינע לעצטע טעג, ווי ר' יצחק פארציילט האט אים מוהרא"ש צוגערופן עטליכע שעה פאר זיין הסתלקות און אים געזאגט "איך האב אן אויסגעבעטן קינד, דעם ראש ישיבה, אל הנער הזה התפללתי".

יעצט ווען מען געזעגנט זיך פון דעם טייערן איד, נעמען זיך אנשי שלומינו פאר אז מען וועט אויך נאכטוהן דעם נפטר, און טוהן חסד איינער מיטן צווייטן, לערנען בהתמדה טראץ די פילע טירדות.

**אין מלוין לו לאדם, אלא תורה ומעשים טובים בלבד.**

## סֵדֶר הַנְּסִיעָה אוֹיף

# קִבְרֵי צַדִּיקִים אִין אֵייָראפֶּע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרעֶר לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פוּן אַ נְסִיעָה. חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אַ קְבוּצָה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה. אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג, אִיךְ הָאף אַז דוּ נוּצְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ אוּן אִין אַ צְוֵוייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ פוּל מִיט חֶסְרוֹנוֹת, מֶען זֶעט זִיךְ שְׁלֶעכְט, מֶען אִיז פוּל מִיט תַּאֲווֹת רָעוֹת - מוּז מֶען זוּכְן אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס אוּן מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן מִיט דִי פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל דִי סֵדֶר הַנְּסִיעָה.

מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג פוּן נוּאַרְק צוּזַאמֶען פִינְף אוּן דְרַייסִיג מֶענְטְשְׁן; אַפָּאר בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה מִיט אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין וִויעֶן מָאנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי, מִיר זֶענֶען צוּגֶעפָארְן צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעכַאפְּט אַ טְבִילָה, דָארְט הָאבְּן מִיר זִיךְ בַּאגֶעגְנְט מִיט נָאךְ חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, גְרוֹיסֶע מֵפִיצִים.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט, עוֹלֶה גֶעוֶוען לַתּוֹרָה אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט גוֹמֵל. מֶען הָאט גֶעגֶעסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אוּנְגַארְן.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם דֶעם "יוֹם רִאשׁוֹן" פוּן תְּהִלִּים, גֶעזִינְגֶען נִגּוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען. הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר אַלֶעמֶען, פַאר דִיר אוֹיךְ, דַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דִי קְוִויטְלֶעךְ.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה, זִיבְּן שָׁעָה זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ בַּאקְוֶועמֶע בָּאס, רוֹב וֶועג, פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע חֲבֵרִים, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן רֶבִּי'ן. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט גֶעוִויסֶע פּוּנְקְטְן וָואס מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.



מיר זענען אנגעקומען אין אוהעל שפּעט ביינאכט, מיר זענען געגאנגען קודם דאווענען מעריב, איך האב געזען אז עס איז דא א מקוה האט מיר אנגעכאפּט א חשק זיך צו טובל'ן. הגם איך בין געווען אינדערפרי אין מקוה, אבער א ברסלב'ער חסיד גלוסט זיך ווי מער צו גיין אין מקוה, למעשה האב איך זיך אפּגעבריט מיינע פיס, עס איז געווען קאכעדיג הייס, סכנת נפשות, איך בין ארויס מיט א נס.

מיר האבן געזאגט אינאיינעם "יום שני" פון תהלים און מיר האבן געזינגען דעם "אהבה רבה" ניגון פון רבי הערשעלע רימנובער זכותו יגן עלינו, עס איז געווען א גרויסע התעוררות, איך האב געהאט גרויס התעוררות, איך האב זיך געעפנט מיין הארץ, איך האב געהאט אפּאר מינוט גוטע התבודדות, אויך דארט האב איך פארגעליינט אלע נעמען פון אלע קוויטלעך.

איך בין ארויס פון דארט האב איך זיך אנגעהויבן גוט שפּירן. דארפסט פארשטיין, נאכן פארן אזויפיל שעות ווערט מען צעטומלט, אבער אז דער אייבערשטער העלפט, מען קען זאגן אפּאר אמת'ע דיבורים פאר'ן אייבערשטן, מען קען זיך אויסקרעכצן און לאזן א טרער - דארף מען שוין נישט עפּעס מער.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין ליסקע צום הייליגן צדיק רבי הערשעלע ליסקער זכותו יגן עלינו, דער מחבר פונעם ספר אך פרי תבואה, א תלמיד פונעם הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו. מיר האבן דארט געזאגט אינאיינעם תיקון חצות; תיקון רחל און תיקון לאה, מיר האבן געזינגען אידישע תפילות אינאיינעם. מיר האבן געזינגען דעם ניגון פון הרב הקדוש רבי אייזיקל קאלובער זכותו יגן עלינו:

"גלות גלות, ווי גרויס ביסטו - שכינה הקדושה, ווי שיין ביסטו.

וואלט דער גלות קלענער געווען - וואלט די שכינה שענער געווען".

עס איז געווען א גרויסע התעוררות, צוביסליך זענען מיר געקומען צו זיך.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין קערעסטיר, מיר האבן זיך דערכאפּט דאס הארץ, עס איז געווען צוגעשטעלט א געשמאקע סעודה, מיר האבן דארט גענעכטיגט.

דינסטאג אינדערפרי האבן מיר זיך גע'טובל'ט אין מקוה און געדאווענט, געגעסן פת שחרית און ארויף צום

**מיר האבן געזאגט צען קאפּיטלעך תהלים ביים ציון פונעם קול ארי' זכותו יגן עלינו, נאכדעם האבן מיר געזאגט דעם קאפּיטל "שיר המעלות ממעמקים" פסוק בפסוק ביים ציון פונעם לבושי מרדכי זכותו יגן עלינו. מיר האבן געזינגען די שיינע זיסע ליד: "איך וויל זיין א איד, איך וויל זיין א איד - איך וויל זיין א פשוט'ער איד, ווייל דער עיקר אידישקייט - זאגט דער הייליגער רבי - איז זיך פירן בתמימות ובפשיטות". מען האט דאס געזינגען מיט'ן גאנצן הארץ צום אייבערשטן.**

ציון פון הרב הקדוש רבי ישעי'לע מקערעסטיר זכותו יגן עלינו. מיר האבן געזאגט דעם יום תהלים, "יום שלישי", נאכדעם האבן מיר געזינגען ניגוני התעוררות און זיך מתבודד געווען.

איך האב געבעטן פאר דיר דארט. איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך וואלט נישט געדענקט צו בעטן פאר


חתם סופר



חתם סופר


יטב לב


ישמח משה



לבושי מרדכי



סיגוט



עצי חיים




קערעסטיר

דִיר, נָאר הָאבְרָךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דַיין נָאמֶען מִיט נָאךְ אַסאַךְ נֶעמֶען, דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת.

הָאבְרָךְ ... נֵרוֹ יָאִיר פוּן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעמַאכְט אַן אַפִּיל, מֶען הָאט צַאמְגֶענוּמֶען צְדָקָה פַאר'ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, פַאר נִצְרָכִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

פוּן קֶערֶעסְטִיר זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין מַאד, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעהַאט שִׂיחוֹת חֲבֵרִים מִיט דִי חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן פוּן חוּץ לָאָרֶץ.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַבִּיסְל אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כֹּחוֹת זִיךְ מְצַמְצֵם זַיין צוּ שְׁרַייבְּן וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט, הַלְוַואי זָאלְן דִי אִינְגֶעלֵייט דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן; מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים פוּן מוֹהֲרַ"ש אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם קוֹל אַרְיֵ' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים" פָּסוּק בְּפָסוּק בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם לְבוּשֵׁי מָרְדְּכַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לִיד:

"אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד - אִיךְ ווִיל זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד,

ווייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אִיז זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת".

מֶען הָאט דָאס גֶעזִינְגֶען מִיט'ן גַאנְצְן הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין קַאלוֹב, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם שִׁיעוּר גְמָרָא, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען ווִי אַזוֹי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקַּאלוֹב, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם רֶבִּינ'ס עֵצוֹת פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב) חֲנוּכָּה אִיז טֶעג פוּן הוֹדָאָה; דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן וֶוערְט גוּט אוּן זִיס וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווערט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיים צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקַּאלוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאבְּן מִיר גֶעזֶען דִי טִיטְל וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי מַצֵּבָה: "הָיָ' עֶרְלִיכֶער אִיד, וְהָיָ' לוֹמֵד גְמָרָא עַל הַדַּף".

מֶען הָאט גֶעזָאגְט דָארְט דִי סוֹף פוּנֶעם יוֹם תְּהִלִּים, "יוֹם רְבִיעִי", מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אַ נִיגוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקַּאלוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין רוּמֶענְיֶע.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט, נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט'ן בַּאצָאלְן חוֹבוֹת.

דִי וֶועג קַיין רוּמֶענְיֶע אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל שְׁוֶוער, מֶען הָאט אוּנְז אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בַּיים גְרֶענִיץ אָפַּאר שָׁעָה, מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער ווִי גֶעפְּלַאנְט קַיין סִיגוּט.

אִין סִיגוּט הָאט קְהִלַּת סַאטְמַאר גֶעבּוֹיט אַ הֶערְלִיכֶע בִּנְיָן, אַ מִקְוֶה, אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - מִיט אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, דוּ מֵיינְסְט מַמָּשׁ אַז דוּ בִּיסְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אָדֶער מַאנְרָא. מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעגֶעסְן, גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִיטֶב לֵב, קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב אוּן עֲצֵי חַיִּים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם תִּיקּוּן חֲצוֹת, דָארְט בַּיים צִיּוּן, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, "יוֹם חֲמִישִׁי".

לְכַתְּחִלָּה הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ פָארְן קַיין קַארְלְסְבּוּרְג צוּם מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶער אַ טֵייל עוֹלָם הָאבְּן זִיךְ מַמָּשׁ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעָה, עֶס אִיז גֶעוָוארְן

חִלּוּקֵי דֵעוֹת, אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט מֶען זָאל גְלַייךְ פָארְן קַיין קַארְלְסְבּוּרְג, אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען פָּארְט ווַייטֶער שְׁפִּירְן זֵיי אַז דָאס וֶועט זֵיי צוּטְרֶעטְן צוּם מֹחַ, עֶס אִיז נִישְׁט פָאר זֵייעֶרע כֹּחוֹת צוּ פָארְן יֶעצְט בַּיינַאכְט אַ נְסִיעָה פוּן זֶעקְס שָׁעָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָארְן קַיין קַארְלְסְבּוּרְג, דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן בִּכְלַל קַיין רוּמֶענְיֶע אִיז נָאר גֶעוֶוען אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין קַיין קַארְלְסְבּוּרְג, דָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמוּזְט רֶעכְנֶענֶען מִיט דִי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע אִידְן, מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי נְסִיעָה אוּן מֶען הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פָאר דְרֵיי שָׁעָה, פוּן דְרֵיי אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס בִּיז זֶעקְס אַזֵייגֶער.

מֶען הָאט גֶעדַאוְוענְט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין קְלוֹיזְנְבּוּרְג, אַ וֶועג פוּן פִיר שָׁעָה, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם דַף גְמָרָא. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִין אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַריינְגֶעבַּאקְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעפָּארְן - דָאךְ אִיז מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיפְ'ן בְּלַאט גְמָרָא.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן; וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען, ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזּוּק? דָאס הַאלְט אוּנְז בַּיים לֶעבְּן, דָאס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה - אִיז מֶען גָאר גְלִיקְלִיךְ.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין אָן אִין קְלוֹיזְנְבּוּרְג עֶירְפָּארְט, מִיר פָארְן פוּן דָארְט קַיין ווַארְשָׁא אוּן פוּן דָארְט פָארְן מִיר אַהֵיים קַיין נְיוּ יָארְק; מִיר וֶועלְן אָנְקוּמֶען אִם יִרְצֶה הַשֵׁם מִיטְוואָךְ נאַכְט.

מָארְגְן וֶועט נִישְׁט זַיין דִי ווַעכֶנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, דִי דְרֵייסִיגְסְטֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה בְּחִנָּם. דָאס אַלֶעס אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מַאכְן מִיט טַייעֶרֶע שִׂמְחוֹת; מִיר זָאלְן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג אוֹיפְ'ן פָּשׁוּטְ'ן וֶועג.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן; וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען, ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזּוּק? דָאס הַאלְט אוּנְז בַּיים לֶעבְּן, דָאס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה - אִיז מֶען גָאר גְלִיקְלִיךְ.

דֶעם שַׁבָּת פָּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, שַׁבָּת מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ טֵבֵת, וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל. אוֹיךְ דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵׁם אִין שְׁטֶעטְל, מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.


קערעסטיר


ר' הערשעלע ליסקער


שפאציר אין קערעסטיר



די הערליכע
# שבת חנוכה
אין קרית ברסלב

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויגש, ב׳ טבת, זאת חנוכה, שנת תשפ״ב לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר

איך בין יעצט צוריק פון די הערליכע שבת חנוכה אין קרית ברסלב.

איז דאס געווען א שבת! מיר האבן זיך אזוי שטארק אויפגעפרישט מיט׳ן רבינ׳ס לימודים, א שאד דו ביסט נישט געקומען; עס זענען זיך צאמגעקומען צענדליגער משפחות אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש.

איך וועל דיר שרייבן אביסל פון דעם שבת.

מיטוואך נאכט נאכן צינדן די מנורה בין איך געווען ביי א בר מצוה אין ישיבה פון הבחור ... נרו יאיר, דארט האב איך געטראפן מוהרא״ש׳ס זון, הרב נחמן שליט״א, ער האט גערעדט לכבוד דער בר מצוה בחור. בתוך הדברים האט ער געזאגט אז ער מוז זאגן ברבים וואס ער געדענקט, ווי שטארק זיין טאטע - מוהרא״ש זכרונו לברכה - האט ליב געהאט דעם ראש ישיבה. ער האט דערציילט אז ער האט אליינס מיט געהאלטן וויפיל מענטשן זענען געקומען רעדן שלעכטס צו מוהרא״ש אויף די ישיבה און אויף מיר, אבער מוהרא״ש האט נישט געוואלט מקבל זיין, מוהרא״ש האט זייער געהאלטן פונעם ראש ישיבה.

נאך די בר מצוה בין איך ארויסגעפארן מיט מיין משפחה צום שטעטל, דאנערשטאג צופרי ניין אזייגער האב איך געדאווענט שחרית מיט די עלטסטע כתה פון תלמוד תורה, דער מלמד האט מיך מכבד געווען צו זאגן הלל, מיר האבן אינאיינעם געזאגט הלל מיט אונזער נוסח בקול; עס איז געווען א פארגעניגן.

נאך שחרית האב איך פארגעלערנט דעם דף גמרא פאר די עלטסטע כתה פון תלמוד תורה, די קינדער האבן פיין מיט געהאלטן. איינער פון די קינדער האבן געזאגט א חידוש, מען זעט ביי די מעשה פון אבא אומנא (תענית כב.), ווען אביי האט געשיקט זיינע תלמידים בודק זיין אבא אומנא און זיי האבן אוועק גענומען זיינע קישענעס און דעקעס - האט ער זיי

גָארְנִישְׁט גְעזָאגְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעוִויסְט אַז תַּלְמִידִים פוּן אַ צַדִיק וָואס קוּמֶען בִּשְׁלִיחוּת דֶעם צַדִיק, מִן הַסְתַּם הָאבְּן זֵיי עֶפֶּעס אַ כַּוָונָה דֶערִין; דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין גְרוֹיסְקֵייט, עֶר הָאט גֶעוִויסְט אַז אַ צַדִיק הָאט זִיכֶער זַיינֶע טַעֲמִים.

גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער מְחוּתָּן הָרַב ר' ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי חָתָן כַּלָה, זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע מֵפִיצִים אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ, דֶער מְחוּתָּן הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר/חָתָן - גֵייט הֲפָצָה, הָאט עֶר מִיר גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ, עֶר דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער מְחוּתָּן ר' ... גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, אוֹיךְ זַיין טַאטֶע, הָרַב הַחָסִיד ר' ... הָאט גֶערֶעדְט. מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט, אִיךְ הָאבּ מְכַבֵּד גֶעוֶוען ר' ... מִיט אַ בְּרָכָה, אוֹיךְ ר' ...; בַּיי מִיר זֶענֶען מֵפִיצִים דִי גְרֶעסְטֶע מְיוּחָסִים.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גְלַייךְ גֶעפָארְן צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַלֶע כִּיתּוֹת, אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי כִּתָּה א'. אִיךְ הָאבּ פַארְהֶערְט דִי קִינְדֶער דִי עִבְרִי, אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת צוּ זֶען ווִי אוּנְזֶער נֵייעֶר מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל הָאבְּן אַזֶעלְכֶע כֹּחוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִין כִּתָּה א', אֵיין קִינְד, אַ טֵייעֶר קִינְד - הָאט יֶעדֶע זַאךְ צוּרִיק גֶעוָוארְפְּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ הָאבּ גֶעטֵיילְט אַ קֶענְדִי, הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפִּילְצֵייג - הָאט עֶר עֶס מִיר צוּרִיק גֶעוָוארְפְּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי קַארֶעלֶע", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל דָאס גֶעבְּן פַאר זַיין שְׁוֶועסְטֶער, אוּן אִיךְ פְרֶעג אִים: "ווִי אַזוֹי הֵייסְט דַיין שְׁוֶועסְטֶער?" זָאגְט עֶר מִיר אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין נָאמֶען; אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט הָאט עֶר צוּרִיק גֶעוָוארְפְּן. אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן פַארְ'ן מְלַמֵּד ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף הַאנְדְלֶען מִיט

אַזַא קִינְד; נִישְׁט זוּכְן ווִי אַזוֹי אִים צוּ מַאכְן פַאר אַ מְחוּצָף, נָאר ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אִים פַארְדְרֵייעֶן, עֶס זָאל וֶוערְן אַלֶעס גוּט.

דֶער מְלַמֵּד הָאט זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ זֶען דִי מַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז נָאר בַּיי אִים פַּאסִירְט דָאס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז אַזוֹינְס פַּאסִירְט אוֹיךְ בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי קִינְדֶערְגַארְטְן, כִּתָּה ב' אוּן כִּתָּה ה'; אַלֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן גֶעהַאט חִיזּוּק.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קוּקְן דִי נֵייעֶ דִירוֹת, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה אוּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה מַעֲרִיב.

בַּיים צִינְדְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע בָּחוּרִים, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם דִי זְמִירוֹת, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ יֶעדְן גֶעוִוינְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, דִי בָּחוּרִים

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי חָתָן כַּלָה, זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע מֵפִיצִים אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ, דֶער מְחוּתָּן הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר/חָתָן - גֵייט הֲפָצָה, הָאט עֶר מִיר גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ, עֶר דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם



בר מצוה פון הבחור יוסף סאלז נ"י אין ישיבה, הרב נחמן נרו יאיר זון פון מוהרא"ש זי"ע ביים בר מצוה



דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם דף גמרא פאר די קינדער אין שטעטל



שחרית מיט די קינדער

**רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיף דֶער וָואס אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי נָאכְן הֶערְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ רֶבִּי: "פַּרְעֹה אִיז קְלוּגֶער פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ"; וַוייל וֶוען יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען דַארְף זוּכְן אַן אִישׁ חָכָם צוּ רַאטֶעוֶוען דָאס לַאנְד, הָאט פַּרְעֹה אָנְגֶעכַאפְּט יוֹסֵף אוּן גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, לט) "דוּ בִּיסְט דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ; אַז דוּ זָאגְסְט מִיר מֶען דַארְף זוּכְן אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ - בִּיסְטוּ דֶער קְלוּגֶער"**



נאכטמאל מיט די בחורים

הָאבְּן אַלֶע גֶעצִינְדְן אִין שׁוּל.

נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אַ שְׁפַּאצִיר צוּם בֵּית הַדְפָּסָה; עֶס זֶענֶען דָא אַפָּאר פְּרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען דֶעם בֵּית הַדְּפוּס אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעוִויזְן דֶעם בִּנְיָן, זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דֶער בִּנְיָן הָאבְּן גֶעבּוֹיט בָּחוּרִים.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגְעֶנֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז עֶס רֶעגְנְט; אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ גֵיין, אָבֶּער מִיר וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אָנְצוּפוּלְן דִי נֵייעֶ מִקְוֶה בַּיים בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעגֶעסְן אַ פֵיינֶע סְעוּדָה, מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן מוֹהֲרָא"שׁ, גְלַייךְ נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שִׁיעוּר, עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט עֶס אוֹיסְהֶערְן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן אַסַאךְ שֵׁיינֶע נְקוּדוֹת, פוּן "יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה", חֲנוּכָּה אִיז טֶעג פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "וְזֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא", דָאס אִיז דִי גֶעשְׁמַאקֶע, זִיסֶע אוּן אַיינְגֶעגֶעמֶער טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; אוּן וֶוער עֶס טוּט דָאס, עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ אֵיין צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שְׁפִּירְט דִי זִיסֶע טַעַם, עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז מִיר גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי מְסוֹרָה, אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת. אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת, מֶען זָאגְט גְמָרָא - אִיז דָאס נִישְׁט קֶעגְן דִי מְסוֹרָה, פַארְקֶערְט, דָאס אִיז מְסוֹרָה; אַז מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין צְנִיעוּת - דָאס הֵייסְט אַוֶועקְגֵיין פוּן מְסוֹרָה! אַז מֶען שְׁנַיידְט זִיךְ דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת - דָאס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי מְסוֹרָה!

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען קוּמְט פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מַאמֶע אוּן בַּאבֶּע שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט דִי הָאר, זָאל מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן דָאס צוּ טוּן, דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן מְסוֹרָה, פַארְקֶערְט, אוֹיבּ וֶועט זִיךְ דִי פְרוֹי שֶׁערְן דִי הָאר וֶועט זִי צוּרִיק גֵיין צוּ דִי מְסוֹרָה; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ פְרוֹי קֶען טוּן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אִירֶע דוֹרוֹת וִוי גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר דֶערְמַאנְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיף דֶער וָואס אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי נָאכְן הֶערְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ רֶבִּי: "פַּרְעֹה אִיז קְלוּגֶער פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ"; וַוייל וֶוען יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען דַארְף זוּכְן אַן אִישׁ חָכָם צוּ רַאטֶעוֶוען דָאס לַאנְד, הָאט פַּרְעֹה אָנְגֶעכַאפְּט יוֹסֵף אוּן גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, לט) "דוּ בִּיסְט דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ; אַז דוּ זָאגְסְט מִיר מֶען דַארְף זוּכְן אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ - בִּיסְטוּ דֶער קְלוּגֶער".

רֶבִּי נָתָן זָאגְט וַוייטֶער: "אִיךְ זָאג אִים אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הָאבְּן אַ צַדִּיק; עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים נָאךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהֶערְט, וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט זָאגְן 'אִיךְ בְּלַייבּ דָא; דוּ בִּיסְט דֶער צַדִּיק, דוּ בִּיסְט מַיין לֶעבְּן', אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי".

נָאכְן שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים - דִי עֶסְן פַאר שַׁבָּת. אִינְמִיטְן אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן הָאבְּן דִי בָּחוּרִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ בֶּעשָׂאוֹ, אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, אַ טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד, הַבָּחוּר ... מִיט אַ תַּלְמִידָה, אַ טָאכְטֶער פוּן ר' ...; מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי לְחַיִּים בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא שִׂמְחָה, אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אַ טֵייל מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטֶעטְל זֶענֶען גֶעקוּמֶען וואוּנְטְשְׁן "מַזָל טוֹב".

בַּיי מִיר אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ; אָבֶּער דִי שִׂמְחָה אִיז נָאר פַאר יֶענֶע מִינוּט, גְלַייךְ נָאכְן לְחַיִּים בִּין אִיךְ שׁוֹין פַארְנוּמֶען צוּ מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים, אִיךְ וֶוער נִישְׁט זַאט מִיט וָואס אִיךְ טוּ.

בִּיז אַהֶער אִיז אַלֶעס פוּן אֵיין טָאג; דָאס אִיז בַּיי מִיר יֶעדְן טָאג, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואלְטְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן מַיין סֵדֶר הַיּוֹם - וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ דִיקֶע קוּנְטְרֵס פוּן יֶעדְן טָאג.

פְּרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט, נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דִי גְמָרָא מַסֶכֶת תַּעֲנִית (דַף כב). קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה, דִי מַעֲשֶׂה מִיט רַב בְּרוֹקָא חוֹזָאָה, וָואס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ - זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא"; דָא זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַיֶּ' זַיין מֶענְטְשְׁן.

נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נִישְׁט הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה; יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעלֶעגְן טוֹיט קְרַאנְק, מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאסְן, מֶען הָאט אִים גֶעלֶעכֶערְט מִיט צֶענְדְלִיגֶער פַיילְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶעלֶעכֶערְט וִוי אַ זוּפּ. יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר זָאגְט עֶפֶּעס צוּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט, הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ הֶערְן וָואס עֶר זָאגְט, הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט (אֵיכָה א, יח): "צַדִּיק הוּא ה' כִּי פִיהוּ מָרִיתִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאבּ אִין אִים וִוידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט, הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט דֶעם הֶסְפֵּד אוֹיף דֶעם צַדִּיק יֹאשִׁיָּהוּ (שָׁם ד, כ): "רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'", דָאס אִיז אוּנְזֶער אָטֶעם, אוּנְזֶער מָשִׁיחַ; דָאס אִיז אַ צַדִּיק, עֶר לִיגְט גֶעלֶעכֶערְט מִיט פַיילְן אוּן הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וֶוערְטֶער דַארְפְן אוּנְזֶערֶע לִיפְּן שְׁטֶענְדִיג שֶׁעפְּשֶׁען: "צַדִּיק הוּא ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט; וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, וָואס מֶען זָאל נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין, דַארְף מֶען וִויסְן אַז "צַדִּיק הוּא ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף אִים.

נָאכְמִיטָאג הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ מִיטִינְג מִיט דִי גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט הוֹיבְּט מֶען אָן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי בֶּעטְן, דִי אַלֶע וָואס וֶועלְן בַּאצָאלְן זֵייעֶר בֶּעט בִּיז יוֹם טוֹב פֶּסַח - וֶועט דִי פְּרַייז זַיין אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן, $057, נָאךְ פֶּסַח וֶועט דִי פְּרַייז זַיין טוֹיזְנְט דָאלֶער.

פְּרַייטָאג צוּ נַאכְטְס זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. צוּ מִנְחָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אוּנְז. קַבָּלַת שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן דִי גַבָּאִים מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, דִי קֶשֶׁר פוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה צוּ פַּרְשַׁת מִקֵּץ. אִין דִי פַּרְשָׁה זֶעעֶן מִיר אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָא זֶעט אוֹיס וִוי זַאכְן וֶוערְן גֶעטוּן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, עֶס אִיז דָא אַ חָלוֹם מִיט אַ פִּתְרוֹן, יוֹסֵף וֶוערְט קֶענִיג, יַעֲקֹב אָבִינוּ שִׁיקְט קוֹיפְן עֶסְן, מֶען שְׁפַּארְט אֵיין שִׁמְעוֹן אוּן בִּנְיָמִין אִין תְּפִיסָה, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶענְטְשְׁן טוּעֶן, מֶענְטְשְׁן מַאכְן, אָבֶּער אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, יַעֲקֹב אָבִינוּ דַארְף אָנְקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, אַ גַאנְצֶע וֶועלְט דְרֵייְדְט זִיךְ אִיבֶּער וֶועגְן דִי סִיבָּה.

דָאס וֶוערְט נִתְגַּלָּה חֲנוּכָּה, עֶס אִיז



חנוכה ליכט צינדן



ר׳ אהרן וועבערמאן הי״ו ביי זיין דרשה מוצ״ש חנוכה



ר׳ רפאל פורסט הי״ו אדמיניסטראטאר המוסדות, ביים איבערגעבן נאטיצן פונעם מוסד

נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל; אוֹיל וָואס בְּרֶענְט נָאר אֵיין טָאג בְּרֶענְט פַאר אַכְט טֶעג, גֶעצֵיילְטֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער גִבּוֹרִים; צוּ וַוייזְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין נַאטוּר, עֶס אִיז אַלֶעס בְּהַשְׁגָּחָה.

מִיר הָאבְּן צוּרִיק שְׁפַּאצִירְט בִּיז דִי שׁוּל אוֹיף הָאשְׁקֶע; פַּאר דִי שְׁפַּאצִיר אַלֵיינְס הָאט זִיךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעלוֹינְט, דִי גֶעשְׁמַאקֶע שִׂיחוֹת בַּיים שְׁפַּאצִיר; דִי וֶועג הָאט גֶענוּמֶען אַ שָׁעָה.

דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי בָּחוּרִים אִין שׁוּל, נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דִי וֶוערְטֶער: ״כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין דֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, יֶענֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן - אִיז עֶר אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת״; וַוייל וֶוען מֶען זֶעט נָאכְדֶעם וִוי אַלֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס וֶוערְט מֶען אַזוֹי אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶער וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אִיז זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר הָאבְּן גֶע׳חַזֶר׳ט וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן, דִי וֶוערְטֶער פוּן רַשִׁ״י. דִי פַּרְשָׁה עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט ״וַיִּשְׁכָּחֵהוּ״; יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׂר הַמַשְׁקִים עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, עֶר זָאל אִים טוּן אַ טוֹבָה אוּן אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף אַז עֶר גֵייט אִים הֶעלְפְן, אָבֶּער דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ, כג): ״וַיִּשְׁכָּחֵהוּ״, עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף, אוּן רַשִׁ״י זָאגְט צְוֵויי וֶוערְטֶער: ״בּוֹ בַּיּוֹם״, נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף; דָא זֶעט מֶען דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן בֶּעטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן הִילְף, יֶענֶער הָאט זַיין אֵייגֶענֶע לֶעבְּן, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר, עֶנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעוֶועקְט דִי בָּחוּרִים, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַדִיק, דִי מַעֲשֶׂה פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ (סִימָן תתמו), וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען דִי דְרֵיי מָאל צוּ אִים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

פְּסוּקֵי דְזִמְרָה הָאט גֶעדַאוֶוענְט דֶער גַבְּאַי ... נֵרוֹ יָאִיר, שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט הַלֵל אִינְאֵיינֶעם, מִיטְ׳ן נוּסָח, בְּקוֹל; אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט בַּיי דִי שְׁטַאטֶע נִיגוּן, בַּיי פִּתְחוּ לִי; נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס וִוי זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶעקְט זִיךְ אִיבֶּער מִיטְ׳ן טַלִית, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ערה), אוּנְטֶערְן טַלִית אִיז אַזוֹי וִוי אַ חֵדֶר מְיוּחָד לְהִתְבּוֹדְדוּת. דֶער גַבְּאַי ... הָאט גֶעלֵיינְט.

בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט

ראש ישיבה שליט״א ביים פייערדיגן דרשה



פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נָאכְגֵיין אַ צַדִיק, דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי שְׁלֶענְג אוּן עֶגְדִיסְן, עֶר הָאט גֶעפְּרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה יא): "ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁלֶענְג?" הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד גֶעזָאגְט: "וָואס פְּרֶעגְסְטוּ? וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ אַרַיינְקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ?" עֶר וַוייזְט אִים אַז זַיין שְׁטוּבּ אִיז אִין דִי לוּפְט, "ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען צוּ מִיר? פְּרֶעג נִישְׁט, קוּם מִיט מִיר, גֵיי מִיךְ נָאךְ". דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד, עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען.

דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד - דָאס אִיז דֶער רֶבִּי וָואס זָאגְט אוּנְז צוּ גֵיין אִין וַואלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת; אַז מֶען גֵייט נָאךְ דֶעם רֶבִּי'ן - קֶען מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע שְׁלֶענְג, אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, אוֹיךְ קֶען מֶען הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ, אָבֶּער אַז מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד - אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אַ זַאךְ פוּן דִי לוּפְט, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם.

דִי סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן אִין שׁוּל מִיט דִי בָּחוּרִים. נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן, מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער צוּם מְנַהֵל, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר דִי בָּחוּרִים אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, מַעֲשִׂיוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, דָארְט הָאבְּן מִיר גֶעטְרָאפְּן נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בַּיי שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם "אוֹרַח", דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פה), דֶער אוֹרַח - דָאס אִיז דֶער צַדִיק, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ד, יח): "וְאֹרַח צַדִּיקִים", דֶער צַדִיק קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוֹדֶם רֶעדְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ לוֹיט דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ, עֶר פְּרֶעגְט אִים פוּן פַּרְנָסָה: "מֵאַיִן פַּרְנָסָתְךָ", ווִי אַזוֹי אִיז פַּרְנָסָה? נָאכְדֶעם פְּרֶעגְט עֶר אִים: "מָה אַתָּה לוֹמֵד", וָואס לֶערְנְסְטוּ? בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס, אִין "שִׂיחַת דְּבָרִים הַיוֹצְאִים מִן הַלֵּב", דָא זֶעט מֶען דִי וֶועג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַארְץ, אוֹיבּ מֶען רֶעדְט דִיבּוּרִים - וֶועט זִיךְ בַּיים סוֹף עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ.

בִּיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "אָמַר לוֹ הָאוֹרֵחַ אֲנִי אֶלְמַד עִמְּךָ", הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מִיט דִיר; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ): "תְּנוּ לִי אֶת לִבְּכֶם", בְּרֶענְגְט מִיר עֶנְקֶער הַארְץ, אִיךְ וֶועל עֶנְק פִירְן בְּדֶרֶךְ אֲבוֹתֵינוּ הַקְדוֹשִׁים; דֶער רֶבִּי דַארְף נָאר מֶען זָאל וֶועלְן זַיין גוּט, מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּסוּפִים.

אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה, אַ סְעוּדַת הוֹדָאָה אַז מִיר זֶענֶען נָאךְ בַּיים רֶבִּי'ן.

זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי פַאר'ן דַאוֶונֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, מֶען הָאט גֶעדַאוֶונְט אִינְאֵיינֶעם. רוֹב טָאג הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת, נָאכְמִיטָאג הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט פַאר אַלֶע טִיטְשֶׁערְס חִיזוּק אוֹיף חִינוּךְ הַבָּנוֹת, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא; מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעלֶערְנְט, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען זוּנְטָאג צְוֵויי בְּלַאט גְמָרָא. נָאכְן צִינְדְן אִיז גֶעוֶוען אַ לְחַיִּים פוּן צְוֵויי חָשוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ הָאף צוּ זַיין מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ וֶוען מֶען פָארְט אַוֶועק אוֹיף וַואקַאצִיעֶ, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וֶוען מֶען פָארְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְדֶעם נָאכְאַמָאל אָפְּרוּעֶן; וָואס מֶער מֶען טוּט - אַלְץ מֶער כֹּחַ בַּאקוּמְט מֶען. יֶעצְט נָאכְן זַיין דִי פִיר טֶעג אִין שְׁטֶעטְל, פוּן טוּן אוּן טוּן אוּן טוּן - הָאבּ אִיךְ פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען וַוייטֶער טוּן מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן; רֶעד צוּ דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן מִיט גֶעהַאלְטְן, וֶועלְן זֵיי דִיר דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער צַדִיק קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוֹדֶם רֶעדְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ לוֹיט דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ, עֶר פְּרֶעגְט אִים פוּן פַּרְנָסָה: "מֵאַיִן פַּרְנָסָתְךָ", ווִי אַזוֹי אִיז פַּרְנָסָה? נָאכְדֶעם פְּרֶעגְט עֶר אִים: "מָה אַתָּה לוֹמֵד", וָואס לֶערְנְסְטוּ? בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס, אִין "שִׂיחַת דְּבָרִים הַיוֹצְאִים מִן הַלֵּב", דָא זֶעט מֶען דִי וֶועג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַארְץ, אוֹיבּ מֶען רֶעדְט דִיבּוּרִים - וֶועט זִיךְ בַּיים סוֹף עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ.

# סֵדֶר הַנְּסִיעָה

## וְהִתְיַסְּדוּת בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ בִּירוּשָׁלַיִם וּבְנֵי בְּרַק, פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ תשפ"ב



### "צַהֲלִי וָרֹנִּי יוֹשֶׁבֶת צִיּוֹן!"

הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פוּן דִי הֶערְצֶער פוּן תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּכְלַל אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקֹּדֶם בִּפְרַט - בַּיים מְקַבֵּל זַיין דֶעם חָשׁוּבֹ'ן גַאסְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶעם פַּארְלָאפֶענֶם שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, אוּן דִי טֶעג אַרוּם.

דוּרְכְאוֹיס דֶעם בַּאזוּךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בַּאפֶעסְטִיגְט דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן בְּנֵי בְּרַק, אוּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִירֶע גַבָּאִים, דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וָואס דִינֶען אַלְס לַייכְט טוּרֶעם פַאר אֲנָשִׁים, נָשִׁים וְטַף פוּן אַלֶע שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן וָואס ווילְן לֶעבְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן אָבִינוּ רוֹעֵנוּ מוֹהֲרָ"א"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, לוֹיט וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט דָאס מִיט אוּנְז.

וֶוערְטֶער קֶענֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שָׁעוֹת שֶׁל קוֹרַת רוּחַ מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְן מִיטְגֶעלֶעבְּט דִי פַּארְלָאפֶענֶע טֶעג; מִיטְהַאלְטְנְדִיג דִי הֶערְלִיכֶע תְּפִילוֹת, סְעוּדוֹת, שִׁיעוּרִים, דְרָשׁוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶענוּמֶען דִי מִיה אוּן אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה אִין אַ בְּרִיוו פַאר אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיֶ'.

קִרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם!

הַמַּעֲרֶכֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ, יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, נְיוּ יָארְק**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה דֶערְצוּ דוּרְךְ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קנה; וְעוֹד).

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; דוּ בִּיסְט מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט. דִי אַלֶע יָארְן פוּן וֶוען דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט, שְׁטֵייסְטוּ מִיר צוּ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְן בְּלַייבְּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן.

פוּן לִיבְּשַׁאפְט וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל פוּן מַיין נְסִיעָה.

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיטְוָואךְ נַאכְט פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין בְּנֵי בְּרַק, דָארְט הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט אַ חָשׁוּבְ׳עֶר מְקוֹרָב, אַבָּא חַיָּיא רֵייזְמַאן נֵרוֹ יָאִיר, אוּן גֶעזֶען דֶערְצוּ אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה, עֶר הָאט גֶעזָארְגְט פַאר אַ הַאנְטוּךְ, אַלֶעס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע וָואס שַׁיָּיךְ.

אַזוֹי וִוי אִיךְ קוּם אָן, אִיךְ עֶפְן דִי טִיר פוּן דִי קַאר - שְׁרֵייט עֶר אוֹיס מִיט הִיסְטֶערִיֶע: ״בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ ... שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ״, וגו׳. נָאךְ אַפָּאר אִינְגֶעלַייט, צְווִישְׁן זֵיי מֹשֶׁה רֶעכְנִיצֶער נֵרוֹ יָאִיר, הָאט אוֹיךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה מִיט הִתְרַגְּשׁוּת, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵייט, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער זָאל בַּאקוּמֶען כָּל הוֹן דְעַלְמָא.

אַזוֹי אִיז עֶס; וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טְרֶעפְן זִיךְ נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט זִיךְ נִישְׁט זֶען - וֶוערְט אַזַא שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע לַייט פוּנֶעם מֶלֶךְ - אִיז גֶעוֶוען שְׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת, מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז מֶען הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אוּן מֶען הָאט גֶעוֵויינְט וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֶעפוּנֶען אַלֶע אַנְדֶערֶע.

נָאכְן מִקְוֶה בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ פִּיס צוּ אַ חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה, מִשְׁפַּחַת לֵב, זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵייעֶר שַׁבָּת שְׁטוּבּ (דֵיינִינְג רוּם) אַ גְרוֹיסֶער מַאשִׁין, אַ גְרוֹיסֶער פְּרִינְטֶער; זֵיי דְרוּקְן מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ טוֹיזְנְטֶער גִלְיוֹנוֹת. עֶס קוּמֶען אַ חֶבְרָה בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט מֵפִיצִים דָאס צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין גַאנְץ בְּנֵי בְּרַק.

עֶס זֶענֶען זִיךְ דָארְט צַאם גֶעקוּמֶען צֶענְדְלִיגֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים; רוֹב פוּן זֵיי קֶען אִיךְ שׁוֹין פוּן זִיךְ שְׁרַייבְּן מִיט זֵיי בְּרִיוו אוּן פוּן זַיין אִינְאֵיינֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט הִתְחַזְּקוּת אוֹיף הֲפָצָה,



בני ברק



בית שמש



יֶעצְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעזָאגְט אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל טְרֵיף פָּסוּל, אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּי'ן וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; דִי בְּלֶעטְל, דִי גִּלְיוֹנוֹת, דִי בְּרִיוו, דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים - דָאס רַאטֶעוֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶס אִיז מְחַיֶ' אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן. נָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אַייעֶר זַאךְ זָאל זַיין הֲפָצָה".

אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט מִיר, דוּ וָואלְסְט גֶעדַארְפְט זֶען דִי דוּרְשְׁטִיגְקֵייט, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מְקוֹרָבִים. פַארְפַאלְן, אִיךְ מוּז זָאגְן אַז אִיךְ גֶעפוּן זִיךְ בֶּעסֶער דָארְט מִיט דִי פְלַאם פֵייעֶרְדִיגֶע מְקוֹרָבִים; זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פְרִישׁ, זֵיי בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַזוֹי, וּבְעִקָר דִי לִיבְשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן זֵיי, דָאס אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט סְתַּם.

פְרֶעג הָאַבְרֵךְ מְנַחֵם שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר; עֶר הָאט זִיךְ מִיט גֶעכַאפְּט מִיט מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ פָּאר, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעלַאדְנְט, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְווּיסְט - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, עֶר וֶועט דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען.

פוּן בְּנֵי בְּרַק זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ, בַּיי הָאַבְרֵךְ הַמֵּפִיץ יִצְחָק רָאטְה נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ בֵּית הַדְּפוּס בַּיי אִים אִין שַׁבָּת שְׁטוּבּ (דֵיינוּנְג רוּם), עֶר הָאט אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער מַאשִׁין, עֶר דְרוּקְט וֶועכְנְטְלִיךְ טוֹיזְנְטֶער גִּלְיוֹנוֹת, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְעוֹד, אוּן עֶס קוּמֶען חָשׁוּבְ'עֶ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס טֵיילְן דָאס אוֹיס אִין אַלֶע שׁוּלְן.

דָארְט זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶער מֶענְטְשְׁן, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן יְרוּשָׁלַיִם, טְבֶרְיָ' אוּן פוּן נָאךְ פְלֶעצֶער.

מִיר הָאבְּן פָארְגֶעלֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן קנה), דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "עַצְבוּת הוּא מִדָּה רָעָה מְאֹד", דֶעפְּרֶעסְיֶע אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן עַצְבוּת, דָאס וָואס מֶען גֵייט נִישְׁט צוּם צַדִּיק,

אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט מִיר, דוּ וָואלְסְט גֶעדַארְפְט זֶען דִי דוּרְשְׁטִיגְקֵייט, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מְקוֹרָבִים. פַארְפַאלְן, אִיךְ מוּז זָאגְן אַז אִיךְ גֶעפוּן זִיךְ בֶּעסֶער דָארְט מִיט דִי פְלַאם פֵייעֶרְדִיגֶע מְקוֹרָבִים; זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פְרִישׁ, זֵיי בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַזוֹי, וּבְעִקָר דִי לִיבְשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן זֵיי, דָאס אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט סְתַּם.

דָאס וָואס מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט - אַלֶעס אִיז פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, דָאס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט - וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעדַאוֶוענְט, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעפְּרֶעסְט. אַזוֹי וִוי אַ קֶערְל, אַ וֵוייצְל, אוֹיבּ לֵייגְט מֶען דָאס אִין אַ גוּטֶע עֶרְד - דֶעמָאלְט וַואקְסְט אַרוֹיס שֵׁיינֶע זַאנְגֶען, וִוידֶער, אוֹיבּ לֵייגְט מֶען דִי זוּמֶען אִין אַ נִישְׁט גוּטֶע עֶרְד - וֶוערְט דִי קֶערְל פַארְפוֹילְט; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶע עֶרְד, אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ צוּ וַואקְסְן אוּן שְׁפְּרָאצְן, מִיט אֱמוּנָה הָאט מֶען כֹּחַ צוּ לֶעבְּן, חַס וְשָׁלוֹם אָן אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען פַארְפוֹילְט.

דָאס זֶעט מֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען גֶעפְּלַאנְט פוּן פָארְאוֹיס אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק זָאל אָנְקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן דִי וֶועלְט; עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶס אִיז דָא צָרוֹת, אָבֶער אִין דִי צָרָה אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב דָארְט בַּיים מֵפִיץ, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, חַיִּים יָאקָאבָּאוִויטְשׁ בֶּן נַפְתָּלִי נֵרוֹ יָאִיר, מֶען הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר חָתָן כַּלָּה, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית ב, כד): "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ", לִכְאוֹרָה, וִוי קֶען מֶען זָאגְן פַאר חָתָן כַּלָּה אָפְּצוּלָאזְן דִי עֶלְטֶערְן? עֶס אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה פוּן (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ"! נָאר חָתָן כַּלָּה דַארְפְן וִויסְן, אוֹיבּ אִין אָנְהֵייבּ אִיז מֶען זִיךְ נָאכְנִישְׁט מְסַדֵּר, זָאל מֶען נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן; דָאס זָאגְט דִי תּוֹרָה: "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ", לָאז אָפּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, מִישׁ זֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין דַיין לֶעבְּן, דֶערְצֵייל זֵיי נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, לָאז זֵיי הָאבְּן נַחַת, דֶערְצֵייל זֵיי נָאר גוּטְס.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט הֶערְן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; מֶען הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעכַאפְּט, קֶענְסְט עֶס הֶערְן אוֹיף דִי הַאטְלַיין.

נָאךְ דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם, הָאַבְרֵךְ אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיךְ גֶעדְרֵייוְוט. עֶר אִיז מִיט גֶעקוּמֶען, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פְרִיעֶר אוּן גֶעבְּלִיבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר אַ שִׂמְחָה בַּיי אִים אִין דִי מִשְׁפָּחָה. מֶען הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ דִירָה אִין יְרוּשָׁלַיִם.

פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אִין זוּפְנִיק, דִי מִקְוֶה וָואס גֶעהֶערְט פַאר דִי עֵדָה הַחֲרֵדִית, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אִיךְ בִּין אַרַיין אִין שׁוּל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵייט,



נאכן שיעור אין בית שמש

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מַאכְן אַ בְּרָכָה שֶׁהֶחֱיָנוּ! דִי שׁוּל שְׁטֵייט שׁוֹין אִיבֶּער אַ יָאר אוּן דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין דָארְט. נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם דַף גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲבֵרִים אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִין יְרוּשָׁלַיִם, יֶעצְט אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס רָצוֹן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ זָאג דִיר, אוֹיבּ עֶס וֶועט דִיר אוֹיסְקוּמֶען צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן אִין דִי שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶס אִיז אַזַא בַּא'חֵנְ'טֶע פְּלַאץ, אַזַא נָארְמַאלֶע גֶעשְׁמַאקֶע וִוינְקְל. דִי גַבָּאִים זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מִיט שֵׂכֶל, עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גוּט דֶערְשְׁמֶעקְט אוּן דֶערְטַאפְּט אוּנְזֶער זַאךְ, זֵיי פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ מִיט חָכְמָה, מֶען שְׁפִּירְט אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, אַן אֲוִיר הַזַךְ וְהַנָּח.

אִיךְ הָאבּ מְמַנֶּה גֶעוֶוען דְרֵיי חָשׁוּבְ'עֶ אִינְגֶעלַייט זָאלְן זַיין דִי גַבָּאִים, פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ. הָאַבְרֵךְ יִצְחָק שְׁמוּאֵל פְּרֶענְקְל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט פָאר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן בַּיי שַׁלָשׁ סְעוּדוֹת, עֶר אִיז זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַן עֵסֶק. דֶער צְוֵוייטֶער גַבַּאי אִיז שִׁמְעוֹן עוֹזֵר נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער, עֶר פַארְשְׁטֵייט וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן; עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ דִי הַדְפָּסָה, עֶר דְרוּקְט טוֹיזֶנְטֶער גִלְיוֹנוֹת וֶועכֶנְטְלִיךְ, בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ אַלֶעס אָנְגֶעהוֹיבְּן; דָאס דְרוּקְן, אוּן דִי שׁוּל פְּלֶעגְט זַיין בַּיי אִים אִין שַׁבָּת שְׁטוּבּ (דֵיינִינְג רוּם). אוּן דֶער דְרִיטֶער גַבַּאי אִיז יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער, עֶר פִירְט דִי שׁוּל; דִי רֵיינְקֵייט, דִי סֵדֶר פוּן דִי בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת אוּן עֲלִיּוֹת וְכוּ'.

אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַבִּיסְל לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים דָארְט אִין שׁוּל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דָארְט צוּ זַיין יֶעדֶע רֶגַע.

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער צוּם שְׁטוּבּ פוּנֶעם גַבַּאי שִׁמְעוֹן עוֹזֵר נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט אוּנְז מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט טוֹעֲמֶיהָ. עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ כָּבוֹד צוּ זַיין בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, דָארְט וואוּ עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שׁוּל, דִי חַבּוּרוֹת; אַלֶעס.

זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעוִויזְן וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען מְתַרְגֵם. זַיין פְּרוֹי תְּחִיֶ' אִיז מְתַרְגֵם דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, עֶר זָאגְט מִיר אַז זִי לֵייגְט אַרַיין יֶעדֶע וָואךְ דְרַייסִיג שָׁעָה מְתַרְגֵם צוּ זַיין דִי בְּרִיוְון; הֶערְסְט וָואס טוּט זִיךְ? דְרַייסִיג שָׁעָה יֶעדֶע וָואךְ, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער! מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ לֶעבְּן זֵיי, בַּיי זֵיי אִיז הֲפָּצָה נוּמֶער 1 אִין לֶעבְּן; אַלֶעס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דִי הֲפָּצָה.

פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר דֶער סוֹפֵר וָואס שְׁרַייבְּט יֶעצְט אַ סֵפֶר תּוֹרָה פַאר דִי שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אוֹת ב פוּן בְּרֵאשִׁית אוּן דִי אוֹת ר. דֶער סֵפֶר תּוֹרָה שְׁרַייבְּט אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִיד פוּן דִי מְיַסְדֵי הַבֵּית מֶדְרָשׁ, עֶר וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן זַיין נָאמֶען, עֶר וִויל עֶס זָאל זַיין בַּאהַאלְטְן, מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן, כְּדַאי נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת וְכוּ' וְכוּ'.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַן אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג (סֶערְפְּרֵייז), עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעקוּמֶען הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן שַׁפִּירָא שְׁלִיטָ"א, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר דִי שִׁידוּךְ פוּן זַיין טָאכְטֶער, עֶר אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם חָתָן, פוּן זַיינֶע מִדוֹת. בְּתוֹךְ הַדְבָרִים פְרֶעגְט עֶר מִיר וִויפִיל גֶעלְט עֶר דַארְף גֶעבְּן פַאר שַׁדְכָנוּת, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען שַׁדְכָן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אִין אוּמַאן אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְטְרָאגְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער אוּן דָארְט אִין אוּמַאן אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי מַחֲשָׁבָה פוּן דִי שִׁידוּךְ. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען יוֹצֵא זַיין שַׁדְכָנוּת גֶעלְט מִיט חַ"י דָאלֶער, עֶר הָאט מִיר בַּאצָאלְט אַכְצְן דָאלֶער אוּן מִיר גֶעוִוינְטְשְׁן שֵׁיינֶע בְּרָכוֹת.

דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען מַיין וַוייבּ תְּחִיֶ', פַאר אִיר אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ; אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער, דְרֵיי וָואכְן פַאר אַ חֲתוּנָה פוּן אַ טָאכְטֶער, אוֹיךְ מַיין קְלֵיינֶער זוּן יְחֶזְקֵאל נֵרוֹ יָאִיר שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט, עֶר פִיבֶּערְט מִיט הוֹיכֶע הִיץ; דָאךְ הָאט זִיךְ מִיךְ גֶעלָאזְט פָארְן, זִי הָאט פַארְקוּקְט אוֹיף אִיר בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט, אַבִּי מְחַזֵק צוּ זַיין דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אִידְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק בְּשַׁעַת מִיר הָאבְּן מְלַוֶּה גֶעוֶוען דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין וַוייבּ שְׁטֵיין פַאר דִי אָרוֹן אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וֵויינְסְטוּ? וָואס זָאגְסְטוּ?" הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יֶעצְט אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ וֶועל דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶס וֶועט גֵיין אוֹיף מַיין חֶשְׁבּוֹן"; הֶערְסְט אַן הַשָּׂגָה פוּן אַ פְרוֹי? דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא אַבִּיסְל וָואס אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע יָארְן פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, דוּ בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע תַּלְמִידִים וֶוען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט; אַלֶעס אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען מַיין וַוייבּ, זִי אִיז מִיר גֶעשְׁטַאנֶען צוּ מַיין הַאנְט אַלֶע יָארְן, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אַ רְשׁוּת הָרַבִּים פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אַלֶעס אִיז אִין אִיר זְכוּת.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ פְרִישֶׁער מְקוּרָב, הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם רָאטְמַאן נֵרוֹ יָאִיר, מַיין קָרוֹב, עֶר הָאט גֶעזָארְגְט פַאר דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה; עֶר הָאט



שיעור אין היכל הקודש ירושלים

גֶעזָארְגְט פַאר דִי טִיקֶעטְס, פַאר דִי קַאר, פַאר דִי דִירָה, פַאר דִי עֶסְן, אַלֶעס; עֶר אִיז זֵייעֶר וַוארֶעם צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

עֶר וִויל נִישְׁט הָאבְּן דֶעם טִיטְל גַבְּאַי, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר דֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער אַלֶעס אַרוּם דֶעם שׁוּל.

עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְיָאר וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי פַּרְשָׁה, מֶען הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן מֶען הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען קֶעגְן מִיר, עֶר אִיז גֶעזִיצְן בַּיי אַלֶע רַבָּנִים, גַאנְצֶע וָואכְן אִיז עֶר נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, נִישְׁט גֶעגֶעסְן, גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, נָאר אֵיין זַאךְ, אוֹיפְוֵוישְׁן מַיין בְּלוּט אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶס זָאל נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען פַאר דִי מְחַרְחְרֵי רִיב צוּ זֶען וָואס זֵיי ווִיל זֶען, הָיָה לֹא תִהְיֶה.

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דֶעם שַׁבָּת אִין יְרוּשָׁלַיִם. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דוּ וֶועסְט כַאפְּן וָואס דָא אִיז גֶעוֶוען, דֶער שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען לְעֵילָא וּלְעֵילָא. דִי תְּפִילוֹת הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט אִין אוּנְזֶער שׁוּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוֹיף רְחוֹב רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב. עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען הוּנְדֶערְטֶער אִידְן, מֶען הָאט גֶעמוּזְט שְׁטֶעלְן שׁוֹמְרִים נִישְׁט אַרַיינְצוּלָאזְן מֶענְטְשְׁן מִשּׁוּם סַכָּנָה, מֶען הָאט אוֹיךְ גֶענוּצְט דִי וַוייבֶּער שׁוּל פַאר מֶענֶער, וַוייבֶּער זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי תְּפִילוֹת.

מִנְחָה הָאט גֶעדַאוֶונְט מְנַחֵם נֵרוֹ יָאִיר, קַבָּלַת שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט, נָאכְן דַאוֶונֶען אִיז מֶען מִיר בַּאפַאלְן; אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ דֶעם, דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זֵיי אַזוֹי בֶּענְקֶעדִיג, זֵיי וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג זִיךְ צוּ טְרֶעפְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "לָאזְט מִיר אָפּ, לָאזְט מִיר גֵיין"; אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים זָאגְן מִיר: "אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט קוּמֶען מֶער קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַזוֹי נָאכְלוֹיפְן".

דִי סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן אִין דִי דִירָה; מֶען הָאט אַיינְגֶעטֵיילְט אַז אַפָּאר בָּחוּרִים זָאלְן עֶסְן דִי סְעוּדָה בַּיינַאכְט אוּן אַפָּאר בָּחוּרִים צוּפְרִי, לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט בַּיינַאכְט אִיבֶּער צְוָואנְצִיג בָּחוּרִים, אוּן צוּפְרִי - אִיבֶּער דְרַייסִיג בָּחוּרִים. אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעלֶע אוּן בַּאזֶעסֶענֶע בָּחוּרִים, זֵיי קוּמֶען פוּן אַלֶע סָארְט יְשִׁיבוֹת; זֵיי זָאגְן אַלֶע פֶּה אֶחָד אַז אַלֶע בָּחוּרִים פוּן אִיבֶּערָאל זֶענֶען זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶּ' מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק.

נָאךְ דִי סְעוּדָה אִיז מֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִין אַ זַאל נֶעבְּן שׁוּל, דָארְט אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט אוֹיךְ פַאר דִי פְרוֹיעֶן, עֶס זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען הוּנְדֶערְטֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אִידִישֶׁע נִיגוּנִים. דָארְט אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי אִין אַמֶערִיקֶע; אַלֶע זִינְגֶען מִיט, אַלֶע אָן אוֹיסְנַאם. אִין אַמֶערִיקֶע דַארְף אִיךְ זִיךְ בֶּעטְן מֶען זָאל מִיט זִינְגֶען; זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פְרִישׁ, אַזוֹי תְּמִימוּת'דִיג - מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ'.

אִיבֶּער דְרַייסִיג בָּחוּרִים. אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעלֶע אוּן בַּאזֶעסֶענֶע בָּחוּרִים, זֵיי קוּמֶען פוּן אַלֶע סָארְט יְשִׁיבוֹת; זֵיי זָאגְן אַלֶע פֶּה אֶחָד אַז אַלֶע בָּחוּרִים פוּן אִיבֶּערָאל זֶענֶען זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶּ' מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק.

נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין עֶרְוַת הָאָרֶץ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן יוֹסֵף הַצַּדִיק - נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פו, ה; תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב, ח) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לט, ב): "וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ", וִוי אַזוֹי הָאט דֶער גוֹי טָמֵא פּוֹטִיפַר גֶעוִויסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף? נָאר עֶר הָאט אִים גֶעזֶען שְׁטֶענְדִיג וִוי זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ, עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, וָואס מֵיינְט דָאס אַז דַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, דוּ מַאכְסְט כִּישׁוּף? בִּיז יוֹסֵף הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעט אִים 'תְּנֵנִי לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָל רוֹאַי וּבְעֵינֵי פּוֹטִיפַר אֲדוֹנִי', הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הֶער פּוֹטִיפַר"; נָאר אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט הַאלְטְן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

מִיר הָאבְּן דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן נָטַע פוּן אוּמַאן, אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָארְט הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. נָאכְדֶעם הָאבְּן אִים דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם פַארְכַאפְּט קַיין סִיבִּיר, עֶר הָאט דָארְט בַּאקוּמֶען אַן אַמְט אִין אַ אָפִּיס, צוּ בַּאדִינֶען דִי רוּסִישֶׁע גֶענֶערַאלְן, דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט אַ גוֹי'שֶׁע מֵיידְל, אַ גַלָחְ'ס טָאכְטֶער, אוּן זִי הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט טָאג נָאךְ טָאג, קוּם טוּן מִיט מִיר אַן עֲבֵירָה, זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "לָאז אָפּ אִידִישְׁקֵייט; דָא אִין סִיבִּיר וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן וָואס מִיר טוּעֶן, פוּן דָא גֵייט קֵיינֶער נִישְׁט אַהֵיים".

דֶער בָּחוּר נָטַע הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ זַיין לֶעבְּן, עֶר שְׁטֵייט פַאר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָיוֹן, עֶר גֵייט פַאלְן אִין אַ טִיפְן אָפְּגְרִינְד. עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן אָפִּיס, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין פֶעלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶוע מִיךְ! אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כֹּחוֹת פַאר דֶעם, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט! אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אָדֶער זָאלְסְטוּ מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיין נְשָׁמָה, אָדֶער מַאךְ אַ נֵס אַז אִיךְ זָאל עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן"**, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען טָאג נָאךְ טָאג, זִי הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"טַאטֶע, רַאטֶעוֶוע מִיר!"**

אַזוֹי הָאט דָאס אָנְגֶעהַאלְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן אִים בַּאפְרֵייט, פַאר עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי אִים גֶעמַאכְט אַ מְסִבַּת פְּרֵדָה, הָאט דָאס גוֹי'שֶׁע מֵיידְל, דִי קְלִיפָּה - גֶעבֶּעטְן אַז זִי ווִיל זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער לְכָבוֹד דִי גֶעזֶעגֶענֶען, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַ צַדִיק, אִיז עֶס דֶער בָּחוּר! אִיךְ הָאבּ אִים גֶעמוּטְשֶׁעט טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט".

נָטַע אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְס, עֶר

הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס פַאר אַ נִסָיוֹן עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאט. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט אַלֵיינְס גֶעהֶערְט פוּן עֶלְטֶערֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין גֶעשִׁיכְטֶע, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וִוי עֶר הָאט גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "פוּן עֶנְק, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אִיךְ וֵויים וֶוען נִישְׁט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת – וָואלְט אִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן"; אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט עוֹמֵד גֶעוֶוען בְּנִסָּיוֹן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי לִיפְּן זַיינֶע הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת, תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וִוי דִי פְּרִישֶׁע מְקוֹרָבִים הֶערְן זִיךְ צוּ מִיט אַזַא פְּרִישְׁקֵייט, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען קָהּ אֶכְסוֹף.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעדַארְפְט בֶּעטְן "לָאזְט מִיר אָפּ", מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין.

אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה; דָארְט דַארְף מֶען בַּאצָאלְן אוֹיךְ פַאר שַׁבָּת, עֶס שְׁטֵייט אַ שְׁטְרֶענְגֶע מוֹדָעָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען אַ הַאנְטוּךְ שַׁבָּת נָאר אַז מֶען בַּאצָאלְט דֶערְפַאר פְרַייטָאג, פַאר מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, אִיךְ הָאבּ בַּאצָאלְט עֶרֶב שַׁבָּת אוֹיךְ פַאר שַׁבָּת.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל תִּיקוּנִים פַארְ'ן דַאוֶונֶען, נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, מִיר הָאבְּן אַרוּם גֶערֶעדְט דִי אָנְהוֹיבּ, דִי הַקְדָמָה; וואו מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט) אַז מֶען רֶעדְט פוּן שְׁבַח הַצַּדִּיקִים וֶוערְט נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת; אִיךְ בִּין זִיכֶער עֶס וֶועט זַיין אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס וֶועלְן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע דִיבּוּרִים פוּן שַׁבָּת – בַּאֲרִיכוּת.

פְּסוּקֵי דְּזִמְרָה הָאט גֶעדַאוֶוענְט דֶער גַבְּאַי יִצְחָק שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר, תְּפִילַּת שַׁחֲרִית הָאבְּן זֵיי מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען. נַקְדִישְׁךָ זָאגְן זֵיי זֵייעֶר שֵׁיין אוּן וַוארֶעם, מִיטְ'ן נוּסָח. מִמְּקוֹמְךָ הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְגֶען, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי תְּפִלָּה "תִּתְגַּדֵּל וְתִתְקַדֵּשׁ בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלַיִם עִירְךָ" – אִין שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַארְוָואס בִּין אִיךְ דָא? וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ מִשְׁפָּחָה, אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען? נָאר עֶס זָאל זַיין תִּתְגַּדֵּל - עֶס זָאל גֶעגְרוֹיסְט וֶוערְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, וְתִתְקַדֵּשׁ, אוּן עֶס זָאל גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן, בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלַיִם עִירְךָ, - אִין דַיין שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז דִי מַטָּרָה פוּן דִי שׁוּל? נָאר אֵיין זַאךְ ווִילְן מִיר, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס; מֶען זָאל נִישְׁט חַנְפָה'נֶען קֵיינֶעם אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם'.

דֶער בַּעַל קוֹרֵא הָאט זֵייעֶר שֵׁיין גֶעלֵיינְט, קְלָאר אוּן הוֹיךְ, מוּסָף הָאט גֶעדַאוֶוענְט אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר.

דִי גַבָּאִים הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט מְזוֹנוֹת אִין זֶעקְלֶעךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶער עוֹלָם, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעכַאפֶּעֵריי; יֶעדֶער הָאט בַּאקוּמֶען אַ זֶעקְל מְזוֹנוֹת.

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), וואו דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זוּךְ נִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת, אַז דִי דַאוֶוענֶען אִיז אַזוֹי וִוי דִי שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן – זֵיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דֶעם, אוּן אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ – זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי נִישְׁט מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע, זֵיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דַיין נְקוּדָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר בְּקִיצוּר הַקִיצוּרִים, אִיךְ בִּין יֶעצְט נָאךְ אַ נְסִיעָה, אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט; פוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר קֶען מֶען שְׁרַייבְּן אַ גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס.

אֵיינֶער פוּן דִי חֲבֵרִים, אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ, אַהֲרֹן גָאלְדְשְׁטֵיין נֵרוֹ יָאִיר, הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּרִית. מֶען הָאט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיפְ'ן קִינְד אוּן אוֹיף דִי זֵיידֶעס, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְוַוייל


אין מאה שערים

אַרִיבֶּער גֶעכַאפְּט צוּ מַיין שְׁוָואגֶער ר' אִיתָמָר לֵייפֶער נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וואוֹינְט מַמָּשׁ אֵיין בִּנְיָן נֶעבְּן שׁוּל, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמוּעֶסְט אַבִּיסְל מִיט מַיין שְׁוֶועסְטֶער, שְׁוָואגֶער אוּן קִינְדֶער.

בַּיים בְּרִית הָאט עֶר מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרָכוֹת.

בַּיי דִי סְעוּדָה אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען מֶער גֶעסְט, עֶטְלִיכֶע דְרַייסִיג בַּאטֵיילִיגְטֶע, מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֲפָצָה; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת. אִיךְ הָאף אַז אֵיינֶער פוּן דִי גֶעסְט וֶועלְן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן "אַ סְעוּדָה מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה" אוּן דָאס שִׁיקְן פַארְ'ן שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל. דִי שְׁמוּעֶסְן בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, עֶס אִיז אִין אַ וֶועג מֶער וִוי אַ דְרָשָׁה, מֶער וִוי אַ שִׁיעוּר.

מִנְחָה וְשַׁלָשׁ סְעוּדוֹת אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעסְט פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט הַאלְטְן דֶעם שַׁבָּת. מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פוּן בְּנֵי בְּרַק, בֵּית שֶׁמֶשׁ, צְפַת, חֵיפָה, מוֹדִיעִין אוּן נָאךְ, אוֹיךְ פוּן יַבְנְאֵל זֶענֶען גֶעקוּמֶען גֶעסְט, אוֹיךְ דֶער דַיָּין הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה קוּרְץ שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַלֶע קִינְדֶער.

דִי גַבָּאִים הָאבְּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט שַׁלָשׁ סְעוּדוֹת מִיט אַ גוּטֶע סֵדֶר, מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת, אוֹיךְ אִידִישֶׁע נִיגוּנִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּ' צוּ זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם דִי אִידִישֶׁע נִיגוּנִים.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דָאס וָוארְט וָואס רֶבִּי יוּדְל פוּן דַאשׁוּב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין



כתיבת ספר תורה



ראש ישיבה שרייבט בריוון אין ירושלים

רֶבִּי, הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פַּארְוָואס זָאגְן מִיר "אָשַׁמְנוּ", בִּלְשׁוֹן רַבִּים, מֶען דַארְף דָאס וֶוען זָאגְן בִּלְשׁוֹן יָחִיד! נָאר מִיר קוּמֶען מִיט אַ טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִיר כִּבְיָכוֹל הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, וֶוען דוּ נֶעמְסְט וֶוען אַרוֹיס דַיין כֹּחַ – וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: מִיר זָאגְן אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי פַּרְשָׁה (בְּרֵאשִׁית מד, יח): "וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה", אַ אִיד קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַיֹּאמֶר בִּי אֲדוֹנִי", זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, וַוייל "בִּי", אִין מִיר, "אֲדוֹנִי", בִּיסְטוּ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרי).

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי זִיךְ דַן זַיין, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא מִשְׁפָּטִים, ה): "כְּשֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה", וֶוען מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ, "אֵין דִּין לְמַעְלָה", נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

נָאכְן דַאוְוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט קִידוּשׁ לְבָנָה אוּן הַבְדָלָה.

אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶענוּמֶען אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטוּבּ. אֶלְי' וֵוייס נֵרוֹ יָאִיר מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ טְרֶעף זִיךְ מִיט אִים, עֶר אִיז מְתַרְגֵּם דִי חִיזוּק יוֹמִי אוֹיף עֶנְגְלִישׁ; טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דֶעם.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט זִיצְן שָׁלוֹם מַאכְן וְכוּ', דָאס וִויל אִיךְ לְעֵת עַתָּה נָאכְנִישְׁט שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאף אַז אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט דַארְפְן שְׁרַייבְּן, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת אוּנְטֶער מַיין נָאמֶען.

מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן; וָואס טְרַאכְסְטוּ, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן? פוּן אַ בְּרֶעטְל! יָא, דוּ הֶערְסְט גוּט, פוּן אַ בַּעַל תְּפִלָּה.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע; פַּארְוָואס פּוּנְקְט דָארְט - וֵוייסְן מִיר נִישְׁט, יֶעדֶע טְרִיט פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. דִי גַבָּאִים הָאבְּן מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַלֶע תְּפִילוֹת, אָבֶער דָארְט אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דֶעם בְּרֶעטְל פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן פוּן דֶעם הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחֲלֹקֶה; שְׁמוּ שָׁמַיִם! אַ מַחֲלֹקָה וָואס צִיט זִיךְ שׁוֹין בַּאלְד צְוֵוייא הוּנְדֶערְט יָאר! פַּארְוָואס? פַאר וֶוען? אַ בְּרֶעטְל! אֵיי דוּ טִיפֵּשׁ אֵיינֶער, וֶועגְן אַ בְּרֶעטְל ווִילְסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן?!

אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶער שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאף אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַארְפְן מֶער שְׁרַייבְּן. אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס הָאט גֶעפֶעלְט אַ הָאר אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן נִישְׁט גֵיין צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן; נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן אֵיינֶעם, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַזַא אֱמוּנָה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ וִויל נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם – נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וֶוען דוּ פְּרוּבִּירְסְט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, דוּ ווִילְסְט נָאר זֵיי הֶעלְפְן אוּן זֵיי עַקְשְׁנְ'עֶן זִיךְ אוּן ווִילְן דִיךְ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן, דִי פְּרַט וֶועל אִיךְ רֶעדְן מִיט דִיר פְּרִיוַואט.

יֶעצְט זֶע אִיךְ וֶוער דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זֶענֶען, אִיר הֶעלְפְּט דִי מוֹסָד שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר, אִיר בֵּיידֶע דַארְפְט גָארְנִישְׁט, טַאקֶע גָארְנִישְׁט, בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט; אִיר ווִילְט נָאר אֵיין זַאךְ, אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם חַיִּים טוֹבִים וָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

מְלַוֶּה מַלְכָּה אִיז גֶעוֶוען אִין אַ זַאל, גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען, אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף שַׁבָּת – זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן. קוֹדֶם הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער קָאפּ שְׁוִוינְדְלְט מִיר, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, בִּיז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן

דִי גַבָּאִים הָאבְּן מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַלֶע תְּפִילוֹת, אָבֶער דָארְט אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דֶעם בְּרֶעטְל פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן פוּן דֶעם הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחֲלֹקָה; שְׁמוּ שָׁמַיִם! אַ מַחֲלֹקָה וָואס צִיט זִיךְ שׁוֹין בַּאלְד צְוֵוייא הוּנְדֶערְט יָאר! פַּארְוָואס? פַאר וֶוען? אַ בְּרֶעטְל! אֵיי דוּ טִיפֵּשׁ אֵיינֶער, וֶועגְן אַ בְּרֶעטְל ווִילְסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן?!



אין מירון



רקודין אין מירון

זינגען די יְרוּשָׁלַיִם'ער דעפּקעס, די שײנע ניגונים. עס איז געווען גוטע מוזיקאנטן, אַ קלאַרינעט; דאס האט מיר מְחַיֶּה געווען, דער רֶבִּי זאָגט אַז אַ ניגון האט אַ כֹּחַ צו מְחַיֶּה זיין דעם מענטש (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעג).

מיר האבן גערעדט פון רֶבִּי נָתָן'ס הִתְקָרְבוּת, די סִיפּוּר מִיטְ'ן חָלוֹם, ווי ער קריכט אויף אַ לייטער און ער פאלט, און ער זעט אין חָלוֹם אַ געשטאלט וואס זאָגט אים: "איך בעט דיר זייער, דְרַאפּע זיך און דערהאלט זיך!" מיר האבן אויך גערעדט פונעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דאס גרויסקייט פון גורס זיין פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; עס געבט אַ נייעם מֹחַ פאר'ן מענטש. מיר האבן זיך מְחַזֵּק געווען אין הַפָּצָה, מען זאל זיך נישט קריגן מיט קיינעם, מען זאל גיין הַפָּצָה מיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

איך בין זייער בְּרוֹגֶז אויף די וואס קלעבן סטיקערס; איך האב שוין געזאָגט אָן אַ שִׁיעוּר מאל אַז מען זאל דאס נישט טון, דאס איז אַ ווילדע זאך, אַ פארשעמטע זאך; נאר אין אַ פּלאץ וואס אַלע קלעבן דארט, אַלע לייגן סטיקערס – נאר דארט קען מען לייגן. יעצט זע איך אין מֵאָה שְׁעָרִים סטיקערס, איך האב נישט ליב די ווילדע זאכן, מוֹהֲרַ"ש האט נישט געוואלט מען זאל גיין אויף די וועג הַפָּצָה.

עס זענען געקומען טאטעס מיט קינדער מאכן חאלאקעס, עס איז געווען סִיוּמִים, עס איז געווען זייער פְריילִיך, די שִׁיעוּר האט מען אָפּגעכאפּט, קענסט דאס הערן און זיך מְחַזֵּק זיין.

זונטאג אינדערפרי בין איך געגאנגען אין מִקְוֶה, ווען איך בין אָנגעקומען האט די מאשין נישט געוואלט... קיין געלט, איך האב שוין פארדעם געבעטן דעם אייבערשטן אויפ'ן וועג צום מִקְוֶה: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יעדעס מאל איך בין אין די** **פרעמד איז אַן אַנדערע מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן מִקְוֶה, אָדער האב איך נישט די געלט פון יענע פּלאץ**", בְּקִיצוּר, אַ מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה, איינער פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַ טייערער איד, בְּערִיש קרויס נֵרוֹ יָאִיר, האט מיר געשאפן אַ וועג אַריין. איך בין געווען ביי אים אין שְׁטוּב אין אומאן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה מְנַחֵם אָבֵל זיין צוויי טייערע בַּחוּרִים מְקוֹרָבִים, ער נעמט צאם די בַּחוּרִים אין יְרוּשָׁלַיִם יעדע מוֹצָאֵי שַׁבָּת, ער מאכט פאר זיי מְלַוֶּה מַלְכָּה; אַ גוּט הָאֶרֶץ.

שַׁחֲרִית האב איך נאך געדאווענט אין יְרוּשָׁלַיִם, נאכן דאווענען האבן מיר מְסַיֵּים געווען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית. די גְמָרָא זאָגט (לא.): "מְכוֹעָרוֹת שֶׁבָּהֶם, מַה הָיוּ אוֹמְרוֹת", די מיאוס'ע זאָגן, "קְחוּ מִקַּחֲכֶם לְשׁוּם שָׁמַיִם", האט חֲתוּנָה לְשֵׁם שָׁמַיִם, קוקט נישט אויף שיינקייט, אויף יִחוּס, "וּבִלְבַד שֶׁתְּעַטְרוּנוּ בִּזְהוּבִים", נאר בִּתְנַאי איר זאלט אונז געבן גאלדענע קליידער; מוֹהֲרַ"ש זאָגט, דאס איז מְכוֹעָרוֹת, מיאוס'ע מענטשן - ווען דער קאפּ ליגט אין געלט.

די גְמָרָא איז מְסַיֵּים: "עָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת מָחוֹל לַצַּדִּיקִים", ווען מָשִׁיחַ וועט



ציון פון מוהראש זי"ע




רבי מאיר בעל הנס



ציון פון מוהראש זי"ע

קוּמֶען וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן אַ טַאנְץ פַּאר דִי צַדִּיקִים; וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען טַאנְצְן, מֶען וֶועט זַיין פְּרֵיילִיךְ.

גְלַייךְ נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען כְּתִיבַת הָאוֹתִיּוֹת, הָאַבְרֵךְ שַׁבְּתִי מִזְרַחִי נֵרוֹ יָאִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אַ קְלֵיינֶעם סֵפֶר תּוֹרָה. עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סוֹפֵר, דֶער גַבְּאַי פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, יִצְחָק שְׁמוּאֵל פְּרֶענְקְל נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם עֶרְשְׁטְן אוֹת, דִי ב' פוּן בְּרֵאשִׁית.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט אַזָא בֶּענְקְשַׁאפְט; אִיךְ זָאג דִיר עֶס אִיז אַ חָלוֹם, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ זִיךְ פָאַרְצוּשְׁטֶעלְן וִוי דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים הָאבְּן אִין אַזָא קוּרְצֶע צַייט בַּאוִויזְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַזָא שֵׁיינֶע פְּלַאץ מִיט אַזָא דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דִי גַבָּאִים פַארְשְׁטֵייעֶן אַן עֵסֶק, זֵיי הָאבְּן אַרוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶעם טָאוְול בַּיים בֵּית הַמֶדְרָשׁ: "בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיסוֹדוֹ שֶׁל מוֹהֲרָא"שׁ, בִּנְשִׂיאוּת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה", אוּן פוּן אוּנְטְן שְׁטֵייט אִין אִידִישׁ: "פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן צוּ מִיר"; דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט הֶעכֶערְן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין יַבְנְאֵל, דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה יב). אַ בֵּייְפַּאל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ דָאס צוּ לֵייגְן בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן שׁוּל, אוּנְז צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מִיר זֶענֶען דָא בַּיים בַּעַל תְּפִלָּה, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן תַּכְלִית, פוּן תְּפִלָּה, פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין מִירוֹן, צוּם תַּנָא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוֹיפְ'ן וֶועג זֶענֶען מִיר גֶעפָאְרְן - אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעדְרֵייְוְוט, אוּן מְנַחֵם אִיז מִיט גֶעקוּמֶען, אוֹיךְ הָאַבְרֵךְ מוֹשִׁי נֵרוֹ יָאִיר מִיט דָוִד נֵרוֹ יָאִיר. מִיר הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט עֶסְן, מִיר הָאבְּן מִיט גֶעבְּרֶענְגְט עֶסְן, מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט; מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ. דָארְט הָאבְּן מִיר בַּאגֶעגְנְט דִי גַבָּאִים פוּן שׁוּל, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען; יֶעדֶע מָאל אִיךְ רֶעד מִיט זֵיי וֶוער אִיךְ זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ, זֵיי מַאכְן שֵׁיין דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ.

אִין מִירוֹן הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט תְּהִלִים, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה אִין לִקוּטֵי תְּפִילוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (חֵלֶק ב', תְּפִלָּה מז), דִי תְּפִלָּה אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה, דִי הַשְׁמָטָה, אָנְהוֹיבּ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', "לְכוּ חֲזוּ".

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה.

מִיר זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ פוּן דִי מַעֲרָה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט מוּזִיק, מִיר הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזוּנְגֶען: "בַּר יוֹחָאִי", "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי", "אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא", אוּן נָאךְ שֵׁיינֶע מִירוֹן'עֶ נִיגוּנִים.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ דְרִיטֶע כְּתִיבַת הָאוֹתִיּוֹת. דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה שְׁרַייבְּן מִיר לִזְכוּתוֹ הַגָּדוֹל פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאַבְרֵךְ שַׁבְּתִי מַארְקוּס נֵרוֹ יָאִיר וָואס הֶעלְפְּט דִי יְשִׁיבָה אַלֶע יָארְן מִיטְ'ן צַאמְנֶעמֶען דִי רֶענְט חוֹדֶשׁ'לִיךְ, אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין דִי מִצְוָה. מִיר הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ סוֹפֵר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאַבְרֵךְ יִשְׂרָאֵל גְרוּמַאן נֵרוֹ יָאִיר, אַ חָשׁוּבְ'עֶר אִינְגֶערְמַאן, עֶר הָאט מְקַרֵב גֶעוֶוען דֶעם אַנְדֶערְן סוֹפֵר, גַּבְּאַי בֵּית מִדְרָשֵׁינוּ יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ הָאף אַז אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה פוּן כְּתִיבַת סֵפֶר תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן לו): "לִכְתֹּב סֵפֶר תּוֹרָה מְסֻגָּל לְפַרְנָסָה", שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה אִיז מְסוּגָּל צוּ וֶוערְן רַייךְ; נִישְׁט יֶעדֶער אִיז מְסוּגָּל אַלֵיינְס צוּ שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער צֶעטֵיילְט מֶען דִי זְכוּת, יֶעדֶער זָאל נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה.

בְּסַךְ הַכֹּל הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן הַתְחָלוֹת הָאוֹתִיּוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דְרֵיי סִפְרִי תּוֹרָה'ס; חוּץ אַ פֶערְטֶע וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ לִזְכוּת מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'. דִי קְהִילָה צוּוַאקְסְט זִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל, דַארְפְן מִיר הָאבְּן אַסַאךְ סְפָרִים.

אִינְמִיטְן דִי נְסִיעָה הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען גָאר אַ גוּטֶע נַייעֶס, אַז דִי בְּנֵי בְּרַק'עֶר חַבּוּרָה הָאבְּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ שׁוּל. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן מַיין שִׂמְחָה, וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "כָּל זְמַן אִיר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּל – הָאט אִיר גָארְנִישְׁט גֶעטוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן"; צֶענְדְלִיגֶער יָארְן הָאט מֶען פַארְפְּלֵייצְט דִי סְפָרִים אִין נְיוּ יָארְק, בִּיז מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּן לְמַעֲשֶׂה, אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶפֶענֶען שׁוּלְ'ן – אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעהַאט חִיזּוּק פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, זֶענֶען אָבֶּער דִי קִינְדֶער נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ מְמַנֶּה גֶעוֶוען גָאר אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן פַאר גַּבְּאַי אִין בְּנֵי בְּרַק, הָאַבְרֵךְ אַבָּא חַיָּיא רֵייזְמַאן נֵרוֹ יָאִיר. וֶוען אִיךְ וֶועל צוּרִיק קוּמֶען צוּ מַיינֶע כֹּחוֹת פוּן דִי נְסִיעָה וֶועל אִיךְ אוֹיפְנֶעמֶען נָאךְ אַ גַּבְּאַי, אַ שׁוּל דַארְף הָאבְּן לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי גַּבָּאִים.

אַז עֶס וֶועט דִיר אוֹיסְקוּמֶען צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט גֵיין מְחַזֵּק זַיין אַלֶע שׁוּלְ'ן אוּן רֶעדְן צוּ אַלֶע גַבָּאִים. גַבָּאִים דַארְפְן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק, פוּן אֵיין זַייט ווילְן זֵיי טוּן וָואס אִיךְ וִויל טוּן, זִיצְן פוּן דֶער זַייט, אוּנְטֶערְן טַלִית, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, נָאר רֶעדְן חִיזּוּק אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, נִישְׁט זֶען בַּיי אַ צְוֵוייטְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף בַּאמֶערְקְן, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט – ווילְן זֵיי טוּן מַיין רָצוֹן, אַזוֹי וִוי אִיךְ טוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס רָצוֹן, עֶס זָאל זַיין סֵדֶר, עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְּט צוּ אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֶס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט גֶעקֶענְט אוֹיסְגִיסְן מַיין הָארְץ, דָארְט אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט זַיין נָאךְ מַיין הִסְתַּלְּקוּת בַּיי מַיין צִיּוּן, מֶען וֶועט נִתְעוֹרֵר וֶוערְן בַּיי מַיין צִיּוּן לִתְשׁוּבָה"

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט עֶס זָאל זַיין.

מִיר זֶענֶען אַרוֹיף אוֹיבְּן אוֹיפְ'ן בַּארְג, הֶעכֶער דִי קֶבֶר פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע'ס צִיּוּן. אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן זִיךְ גֶעקֶענְט אַבִּיסְל עֶפֶענֶען מַיין הַארְץ. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זֵיי הָאבְּן מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען. מַיין זֵיידֶע הָאט מִיר גֶענוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּ' צוּ זַיין אַלְס בָּחוּר צְוֵויי מָאל מִיט אִים, אֵיינְמָאל אִיז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אוֹיךְ מִיט גֶעקוּמֶען.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ הָאבְּן מִיר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען בַּיים קֶבֶר פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין טְבֶרְיָ' צוּם קֶבֶר פוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען. דָארְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט מֶער הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אַלֶעמֶען, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט גֶעקֶענְט אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ, דָארְט אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט זַיין נָאךְ מַיין הִסְתַּלְּקוּת בַּיי מַיין צִיּוּן, מֶען וֶועט נִתְעוֹרֵר וֶוערְן בַּיי מַיין צִיּוּן לִתְשׁוּבָה"; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט בַּיים צִיּוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ בִּין בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין צִימֶער, בְּעֶרֶךְ צְוֵויי שָׁעָה בִּין אִיךְ גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים צִיּוּן אוּן גֶעבֶּעטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

פוּן יַבְנְאֵל בִּין אִיךְ אַהֵיים גֶעפָארְן.

הַיינְט שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גוּט, אִיךְ הָאף אִיךְ וֶועל הָאבְּן כֹּחַ צוּ קוּמֶען צוּ דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי – רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אִיךְ הָאף אִין שְׁטֶעטְל וֶועט מֶען זִיךְ אוֹיךְ צַאמְקוּמֶען הַיינְט נַאכְט לִכְבוֹד רֶבִּי נָתָנ'ס יָארְצַייט אוּן רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הַפָּצָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מֶען פְלֶעגְט מַאכְן אַן אַפִּיל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי דִי יָארְצַייט פוּן רֶבִּי נָתָן פַאר הַדְפָּסַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ, וַוייל פוּן רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעפַאנְגֶען - צִיט זִיךְ שׁוֹין קָרוֹב צוּ צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר דִי זַאךְ פוּן הֲפָצָה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעטְרַאכְט, וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט? בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז נָאר דוּרְךְ דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי וֶועלְט קֶען מֶען דָאס וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין".

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין כֹּחַ. הַיינְט בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ זִיץ אִין שְׁטוּבּ אָן קַיין טְרָאפּ כֹּחַ. בֶּעט פַאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת, קֶענֶען וַוייטֶער מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו

ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה

מיט גרויס פרייד טוען
מיר איינלאדענען אנשי
שלומינו צום גרויסארטיגן

# מעמד
# חנוכת הבית

פונעם הערליכן נייעם
גיגאנטישן

## בנין בית הדפוס החדש

וואס וועט פארקומען אינעם בנין
בית הדפוס בעזר השם

בהשתתפות דער
## ראש ישיבה שליט"א

עס וועלן פארטיילט ווערן
**ווערדפולע מתנות**
פאר די וועלכע האבן געהאט די זכיה
אנטייל צו נעמען אין דעם אפקויף פון
דעם בנין החדש

# גדול יהיה כבוד המעמד הזה!




פרטים יבואו אי"ה



# סֵדֶר
# שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת

## סִיּוּם סֵדֶר מוֹעֵד
### פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא תשפ"ב

**"וְהֶאֱרִיךְ הַרְבֵּה בְּשִׂיחָה הַקְּדוֹשָׁה זֹאת לְהִתְגַּבֵּר לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת"**

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנה)

**בְּרוֹב שֶׁבַח וְהוֹדָיָ' דַאנְקֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם הֶערְלִיכְן שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - סִיּוּם סֵדֶר מוֹעֵד פוּן סֵדֶר הַשַּׁ"ס, וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מִיט צוּ לֶעבְּן בִּמְחִצַּת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶעם פַּארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, שַׁבָּת זָכוֹר - הֶעָבָר עָלֵינוּ לְטוֹבָה.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אִין אַ לֶענְגֶערֶע בְּרֵיוו בַּאשְׁרֵיבְּן עֶטְלִיכֶע נְקוּדוֹת פוּנֶעם שַׁבָּת, אוּן אַ חֵלֶק פוּן דִי תַּמְצִית פוּן דִי דְרָשׁוֹת דוּרְכְאוֹיס דֶעם שַׁבָּת, אָבֶּער וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פִּירְט אוֹיס אִינֶעם בְּרֵיוו: "דָאס אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו אִיז אַ בְּרֶעקְל פוּנֶעם שַׁבָּת, בִּבְחִינַת יוֹתֵר מִמַּה שֶׁקָּרִיתִי לִפְנֵיכֶם - כָּתוּב כַּאן".**

**קִרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם.**
**הַמַּעֲרֶכֶת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת – שַׁבָּת סִיּוּם סֵדֶר מוֹעֵד. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת, מִן הַסְתָּם וֶועסְטוּ נָאךְ הֶערְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּנֶעם שַׁבָּת פוּן דִי חֲבֵרִים. אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט.

צוּ מִנְחָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דֶער דַיָּין ר' יוֹנָה שְׁלִיטָ"א, נָאךְ מִנְחָה הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אַ שְׁטַייטֶע נִיגוּן אוּן מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן שַׁבָּת זָכוֹר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא, סִימָן ט) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים כה, יח): "וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ", עֲמָלֵק הָאט גֶענוּמֶען זְנָבוֹת, "חוֹתֵךְ זְנָבוֹת, וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעְלָה" (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שַׁבָּת הֲלָכָה ה', אוֹת ט), עֲמָלֵק רֶעדְט אוּנְז אַיין מִיר זָאלְן זַיין צֶעבְּרָאכְן, מֶען זָאל נִישְׁט הַאלְטְן פוּן זִיךְ; עֶר מַאכְט דָאס גָאר פַּאר אַ מִצְוָה אוּן אַזוֹי הַרְגְ'עֶט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל מֶען טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין סֵיי וִוי גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין סֵיי וִוי אַ שֵׁגֶץ, אִיךְ בִּין




סֵיי וִוי אַ גוֹי, וָואס דַארְף אִיךְ גֵיין דַאוֶוענֶען? וֶוער דַארְף מַיין לֶערְנֶען? מַיינֶע מִצְוֹת?׳ מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער אִיד דַארְף וִויסְן בַּיי זִיךְ ׳אִיךְ בִּין חָשׁוּב אוּן טַייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן מִיר׳; דָאס מֶעקְן מִיר אוֹיס דִי וָואךְ שַׁבָּת זָכוֹר, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי קַטְנוּת הַדַעַת, ׳אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד׳; גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, ׳אִיךְ בִּין יָא, אִיךְ בִּין וֶוערְד!׳

מִיר הָאבְּן נִישְׁט לַאנְג גֶערֶעדְט, גְלַייךְ נָאכְדֶעם אִיז מָאטִי רָאזֶענְפֶעלְד צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ קַבָּלַת שַׁבָּת, עֶר דַאוֶוענְט זֵייעֶר שֵׁיין.

נָאכְן דַאוֶוענֶען בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עוֹלָם, דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶסְן בַּאזוּנְדֶער כְּדֵי עֶס זָאל זַיין פְּלַאץ, דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְדִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת מִיט זֵיי. נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן אִינְאֵיינֶעם דִי סְעוּדָה, אַ גְרוּפֶּע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבְּן דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה גֶעזִינְגֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע נִיגוּנִים.

פְּרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען מִיר זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען זִינְגֶען זְמִירוֹת אִין שׁוּל, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְקוּת. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט נָאךְ אַ בְּחִינָה אוֹיף וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן "חוֹתֵךְ זְנָבוֹת, וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעְלָה", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַ בְּרִיוו פַאר זַיין אֵיידֶעם: "שְׁרַייבּ מִיר וִויפִיל בְּלַאט גְמָרָא דוּ לֶערְנְסְט אוּן וִויפִיל בְּלַאט פּוֹסֵק, מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל עִיקָר פוּן עִיקָר טָפֵל, אֶת הָאֱלֹקִים יְרֵא וְכו', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"; עֲמָלֵק נֶעמְט זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט וִויכְטִיג, בִּבְחִינַת זָנָב, וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעֲלָה, אוּן מַאכְט דָאס וִויכְטִיג – פוּן דֶעם רֶעדְט מֶען, דָאס פַארְלַאנְגְט מֶען, אוֹיף דֶעם אִיז מֶען מְחַנֵךְ; אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל מְחַנֵךְ זַיין


האטעל הערליך באצירט

קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - מִיט אֱמוּנָה, רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פוּן וִויכְטִיגֶע זַאכְן - דְרֵיידְט עֶר אוֹיס דֶעם קָאפּ אוֹיף אַרָאפּ אוּן דִי וֵוייִדְל אוֹיף אַרוֹיף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָבָר גָדוֹל מְאֹד", בַּיי

דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, בַּיי מִיר אִיז אֱמוּנָה אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אֱמוּנָה אַזוֹי וִוי פְּשׁוּטֵי עָם אוּן פְּרוֹיעֶן וָואס גְלֵייבְּן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; דָאס אִיז בַּיים רֶבִּי'ן דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה? דוּרךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען רֶעדְט צוּ אִים כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר מִיט וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ, הֶעלְף מִיר, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט"**; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ דִי בָּאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן הֲפָצָה. קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נָאר צוּ נֶעמֶען אַ מוֹהֵל מוּמְחֶה. פָארִיגֶע וָואךְ הָאט פַּאסִירְט אַז אַ טַאטֶע הָאט גֶעוָואלְט אַלֵיינְס מַאכְן דִי חִיתּוּךְ אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשְׁנִיטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אִים אַוֶועק גֶענוּמֶען זַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ גֶעדֶענְק אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מוֹהֵל, סִימָן א): "צָרִיךְ לַחֲזֹר אַחַר מוֹהֵל צַדִּיק וִירֵא שָׁמַיִם", מֶען דַארְף זוּכְן אַ מוֹהֵל אַ צַדִּיק, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, "כִּי כְּשֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב", וַוייל אַז דֶער מוֹהֵל אִיז נִישְׁט גוּט, "יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁלֹּא יִהְיֶה מוֹלִיד, חַס וְשָׁלוֹם", קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּאסִירְן אַז דֶער קִינְד וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, "גַּם עַל יְדֵי שֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב, עַל יְדֵי זֶה בָּא הַתִּינוֹק, חַס וְשָׁלוֹם, לִידֵי חֳלִי נוֹפֵל", אוֹיךְ קֶען אַ נִישְׁט גוּטֶער מוֹהֵל מַאכְן אַז דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן דִי חוֹלֵי נוֹפֵל, סִיזְשֶׁערְס - רַחֲמָנָא לִצְלָן; הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ וֶוער אִיז אַ מוֹהֵל אַ צַדִּיק? אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס אַ גְרֶעסֶערֶער מוּמְחֶה – אִים דַארְף מֶען נֶעמֶען". בִּשְׁעַתְ'ן דָאס דֶערְצֵיילְן רוּפְט זִיךְ אָן אַ אִיד, אֵיינֶער פוּן דִי גֶעסְט: "אָבֶּער וָואס אִיז טַאקֶע דִי פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט?" אִיךְ קוּק אִים אָן, אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אִיךְ זָאג אִים אִיבֶּער נָאכְאַמָאל דָאס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר אוּן יֶענֶער פְרֶעגְט נָאכְאַמָאל: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אָבֶּער וָואס אִיז טַאקֶע פְּשַׁט אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער?" אִיךְ זָאג אִים נָאכְאַמָאל, אוּן יֶענֶער פְרֶעגְט נָאכְאַמָאל, דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען, יֶענֶער הָאט זִיךְ פַארְשֶׁעמְט, עֶר זָאגְט: "אִיךְ מֵיין צוּ פְרֶעגְן עֶרְנְסְט, אִיךְ מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, אוֹיבּ אֵיינֶער טוּט אַן עֲבֵירָה, עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַ לַאו - (דְבָרִים כה, ג): "אַרְבָּעִים יַכֶּנּוּ", זָאל מֶען אִים גֶעבְּן פֶערְצִיג מַלְקוֹת, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מַכּוֹת כב:) מֶען גֶעבְּט נִישְׁט פֶערְצִיג מַלְקוֹת נָאר נַיין אוּן דְרַייסִיג; דָאס הֵייסְט, מִיר קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אָן דִי פַארְשְׁטַאנְד פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, מִיר זֶעעֶן עֶס שְׁטֵייט פֶערְצִיג אוּן דִי חֲכָמִים זָאגְן עֶס אִיז נַיין אוּן דְרַייסִיג, אַזוֹי אוֹיךְ, מִיר זֶעעֶן שְׁטֵיין אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים ו, ח): "וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ", מֶען זָאל לֵייגְן תְּפִילִין צְוִוישְׁן דִי אוֹיגְן, זָאגְן דִי חֲכָמִים (עֵירוּבִין צה:) עֶס מֵיינְט נִישְׁט צְוִוישְׁן דִי אוֹיגְן - נָאר אוֹיפְ'ן קָאפּ; אַזוֹי זָאג אִיךְ אִים, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן דִי אַנְדֶערֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, נָאר מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מִיר מַסְבִּיר – דָאס פַארְשְׁטֵיי אִיךְ. אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ מוֹהֵל צַדִּיק וְיְרֵא שָׁמַיִם מֵיינְט אַ מוֹהֵל מוּמְחֶה – פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען נֶעמְט אַ מוֹהֵל אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער נִישְׁט אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט דִי מְלָאכָה.

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט דִי מְפִיצִים, יֶעדֶער הָאט דֶערְצֵיילְט זַיינֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וִוי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים. מִיטְוָואךְ נַאכְט הָאט דֶער גַבַּאי פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ...., אַ גַאס אַוֶועק פוּן יְשִׁיבָה אָפְּגֶעוַוארְט יַעֲנְקְל, עֶר הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין הוּט פַארְ'ן בְּרֶענְגֶען גִלְיוֹנוֹת דָארְט, יַעֲנְקְל מֵפִיץ הָאט זִיךְ מִיט אִים גֶעאַמְפֶּערְט צְוֵויי שָׁעָה. מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעבַאדֶערְט פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ בִּכְלַל צוּטוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים; אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ הִיטְן דָא אִין יְשִׁיבָה, בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן זַאמְלֶען זִיךְ אָן הִיטְן, אִיךְ וֶועל אַרִיבֶּערְשִׁיקְן בָּחוּרִים צוּם גַבַּאי מִיט דִי הִיטְן, אִים פְרֶעגְן אוֹיבּ

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּנֶעם מַעֲשֶׂה פוּן זְבוּב וְעַכָּבִישׁ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז), דִי נְסִיעָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. אוֹיךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל שֵׁיין רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אֵיין יָאר אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה: "יֶעדֶעס מָאל דוּ רֶעדְסְט זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן דְרֵיי זַאכְן, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, שָׁלוֹם בַּיִת אוּן שִׁידוּכִים", אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ פָאלְגְן אוּן רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן.


ביים אנקומען און נעמען א פעקל


ביים אנקומען אינעם האטעל

עֶר וויל נָאךְ הִיטְן, וַוייל דִי גִּלְיוֹנוֹת גֵייט מֶען ווייטֶער מֵפִיץ זַיין.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט זוֹהַר פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, דִי הֵיכָלוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז מְגַלֶּה ווָאס טוּט זִיךְ אִין הִימְל; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען שְׁפִּירְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען ווֶערְט אַזוֹי גֶעשְׁטַארְקְט.

גֶעווֶענְלִיךְ לֶערְנֶען מִיר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַאר'ן דַאווֶענֶען אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, אָבֶּער דִי ווָאךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעלֶערְנְט, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, הֶעלְפְן מַיין ווַייבּ תְּחִיֶ'.

פְּסוּקֵי דְזִמְרָא הָאט פָארְגֶעדַאווֶענְט ר' עֶזְרָא בּוּים, שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאווֶענְט. עֶס אִיז גֶעווֶען אַ שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי אַ טָאכְטֶער פוּן אַהֲרֹן ווֶעבֶּערְמַאן מִיט הֶחָתָן אַבְרָהָם צְווִיבְּל. אוֹיךְ אִיז גֶעווֶען אַ קִידּוּשׁ, בַּיי רְפָאֵל פוּרְסְט אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ צְווִילִינְג, אַ אִינְגְל מִיט אַ מֵיידְל, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בְּרִית מִיט דִי קִידּוּשׁ דֶעם שַׁבָּת. וְיִקָּרֵא שְׁמָהּ בְּיִשְׂרָאֵל פֵיגֶא, נָאכְן רֶבִּינְ'ס מַאמֶע. מוּסָף הָאט גֶעדַאווֶענְט מָאטִי הֵיימְלִיךְ. נָאכְן דַאווֶענֶען אִיז גֶעווֶען דִי בְּרִית, דֶער מוֹהֵל ווֶעם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נוּצְן שְׁטֶענְדִיג, ר' אַהֲרֹן הַלֵּוִי ווֵייס – אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אוֹיף שַׁבָּת, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל נַחְמָן נָתָן. גְלַייךְ נָאכְן בְּרִית אִיז גֶעווֶען אַ קִידּוּשׁ.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּנֶעם מַעֲשֶׂה פוּן זְבוּב וְעַכָּבִישׁ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז), דִי נְסִיעָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא. אוֹיךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל שֵׁיין רֶעדְן צוּ דִי ווַייבּ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אֵיין יָאר אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה: "יֶעדֶעס מָאל דוּ רֶעדְסְט זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן דְרֵיי זַאכְן, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, שָׁלוֹם בַּיִת אוּן שִׁידּוּכִים", אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ פָאלְגְן אוּן רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן.

מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּנֶעם נָאמֶען פוּנֶעם רַךְ הַנִּמּוֹל "נַחְמָן נָתָן", עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דָאס ווָארְט ווָאס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת חֵלֶק ב', סִימָן לב): "נַחְמָן נָתָן לַאכְט פוּן דִי ווֶעלְט", עֶר זָאל זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן בָּזֶה הָעוֹלָם; אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אוֹיף דֶעם ווָאס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כב.) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעווִיזְן פַאר רַב בְּרוֹקָא "הַנֵי תְּרֵי בַּדְחָנֵי", דָאס מֵיינְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ווָאס עֶר הָאט 'תְּרֵי בַּדְחָנֵי' צְווֵיי סָארְט לַאכְן; מֶענְטְשְׁן לַאכְן פוּן אִים, מֶען שְׁפֶּעט פוּן אִים אָבֶּער עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט ווַייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן עֶר לַאכְט פוּן דִי ווֶעלְט, עֶר לַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיס פוּן אַלֶעמֶען, דָאס אִיז דִי תְּרֵי בַּדְחָנֵי, דֶער אִיז אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא (הוּבָא בְּסֵפֶר בַּעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, אוֹת ב); דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נַחְמָן נָתָן לַאכְט פוּן דִי ווֶעלְט".

עֶס זֶענֶען גֶעווֶען אַסַאךְ גֶעסְט; סֵיי פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, אוֹיךְ פוּנֶעם חָתָנְ'ס מִשְׁפָּחָה אוּן נָאךְ, אַלֶע הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווִילְן הָאבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דִי דִיבּוּרִים הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעוֶועקְט.

דִי שַׁבָּת בַּייטָאג סְעוּדָה אִיז גֶעווֶען אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן סְעוּדַּת בְּרִית אוּן שֶׁבַע בְּרָכוֹת, בַּיי דִי סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט.

בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְן ווָאס צוּ טוּן, זַיין ווַייבּ הָאט פְרִיעֶר גֶע'חַלֶשְׁ'ט אִין צִימֶער אוּן זִי אִיז שְׁוַואךְ, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט צוּ ווֶעם עֶר זָאל רֶעדְן, אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן דַיין חָבֵר מָאטִי הֵיימְלִיךְ, עֶר אִיז אַן הַצָּלָה מַאן, אַז עֶר זָאל גֵיין קוּקְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז פֵיין. אִיךְ הָאבּ סְפֶּעצִיעֶל אִים גֶערוּפְן ווַייל עֶר זוּכְט נִישְׁט מְשׁוּגָע צוּ מַאכְן מֶענְטְשְׁן, שְׁטוּפְּן צוּ גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל. ווִיפִיל מֶען אִיז מַרְוִיחַ פוּן הַצָּלָה - לַיידְט מֶען פוּן זֵיי אַזֶעלְכֶע שְׁווֶערִיקֵייטְן; רוֹב מָאל מַאכְן זֵיי מְשׁוּגָע פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, זֵיי זָאגְן גֵיי אִין שְׁפִּיטָאל; מֶען ווֶעט דִיר צוּנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע שַׁבָּת. וְכַךְ הֲוֵה, זִי אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, נָאר אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט וְכוּ'.

נָאךְ דִי סְעוּדָה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין ר' מֹשֶׁה אַרְיֵ' נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז גֶעלִיגְן מִיט אַ רוֹיז אִין בֶּעט. עֶר זָאגְט מִיר: "נָאךְ אַ מַזָּל אִיךְ הָאבּ דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, אַזוֹי ווֶער אִיךְ נִישְׁט צֶעדְרֵייט פוּן לִיגְן אִין בֶּעט", אַ צְווֵייטֶער ווָאלְט מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן פוּן לִיגְן אַזוֹי לַאנְג. מִיר אִיז גֶעווֶען אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד ווִי עֶר לִיגְט אִין בֶּעט מִיט סְפָרִים אַרוּם זִיךְ; אַ מִשְׁנַיּוֹת, אַ תְּהִלִּים וְכוּ'.

נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען זָאגְן תְּהִלִּים מִיט דִי קִינְדֶער. מִיר הָאט גֶעבְּרֶענְט צוּ הָאבְּן אַפָּאר מִינוּט בַּאזוּנְדֶער מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען גֶעווֶען דָארְט נָאר דִי מְלַמְּדִים מִיט דִי קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, עֶס זֶענֶען גֶעווֶען אַסַאךְ פְרֶעמְדֶע קִינְדֶער פוּן אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת ווָאס מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָארְט פוּן קְדוּשָּׁה.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי דַיינֶע קִינְדֶער יָארְן, אִיךְ בִּין גֶעווֶען דַיין עֶרְשְׁטֶער מְלַמֵּד בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר ווָאס אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ זַיין הֵיילִיג. אִיךְ גֶעדֶענְק ווֶען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען ווֵיינֶען צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעזָאגְט, ווָאס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווִיסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן וְכוּ', אִיךְ הָאבּ דִיר דֶעמָאלְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט דָאס זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אִיךְ בִּין אַ קִינְד פוּן דְרַייצְן יָאר, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַן עֲבֵירָה".

אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן בְּלוּט אוֹיף מַיינֶע הֶענְט. יֶעצְט אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, אַ בָּחוּר הָאט מְטַמֵּא גֶעווֶען אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג קִינְדֶער פַאר צְווֵיי גַאנְצֶע יָאר. אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאגְן דִי נָאמֶען פוּנֶעם מוֹסָד ווָאוּ דָאס הָאט פַּאסִירְט, אַ פַּחַד, אַ שְׁרֶעק! טֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעפַּיינִיגְט גֶעוָוארְן מִיט מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט וְכוּ'. ווָאלְטְן דִי מְלַמְּדִים גֶערֶעדְט – ווָאלְט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן, עֶס ווָאלְט גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, קִינְדֶער אַז מֶען זָאגְט זֵיי אָן, מֶען מַאכְט זֵיי בַּאקְוֶועם צוּ קוּמֶען דֶערְצֵיילְן – קוּמֶען זֵיי דֶערְצֵיילְן.

אִיךְ הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן מִיךְ פָאר: "הֲיִתָּכֵן, אַזוֹי רֶעדְסְטוּ? אַזַא בְּרֵייטְקֵייט?" גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ טוּ ווָאס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט.

אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, ווֶען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט הָאט מֶען אִים אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ; אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט ווָאס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן עֶפֶענֶען

דִי יְשִׁיבָה הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף מַיינֶע דִיבּוּרִים, מֶען הָאט אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט עֶר זָאל גֵיין צוּזַאמֶען מִיט זֵיי רֶעדְן אוֹיף מִיר. אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי אַלֶע יָארְן, פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען מִיט מִיר, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר מִיטְגֶעגַאנְגֶען, יֶענֶער הָאט נָאכְגֶעזָאגְט שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דְרָשׁוֹת אוּן גֶעוַוארְט אַז מוֹהֲרָא"ש זָאל רֶעאַגִירְן, מוֹהֲרָא"ש רוּפְט זִיךְ אָן: "זֶעסְט נִישְׁט אַז עֶר רֶעדְט גוּט? פוּן דֶעם וָואס מֶען קְרִיגְט אוֹיף אִים, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר רֶעדְט גוּט"; שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר גֶעזָאגְט: "רֶעד מֶער, רֶעד נָאךְ".

בִּשְׁעַתְ'ן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶען אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לַאכְן. אִיךְ הָאבּ גֶעדְרֵיידְט דֶעם שְׁמוּעֶס אוֹיף אַן אוֹפָן עֶס זָאל יָא אִין זֵיי אַרַיינְגֵיין.

נָאךְ מִנְחָה הָאבְּן מִיר גֶעהַאט זֵייעֶר אַן הִתְעוֹרְרוּת'דִיגֶע שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִים בֶּעטְן: "אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", פוּן זִיךְ טַעֲנָה'עֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז מֶער חָשׁוּב דִי גֶעבֶּעט פוּנֶעם אָרֶעמַאן וִוי פוּן קֶענִיגְן אוּן נְבִיאִים, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן קְלֵיידֶער וִוי אַן אָרֶעמַאן אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים קב, א): "תְּפִלָּה לְעָנִי כִּי יַעֲטֹף", וָואס אִיז טַייטְשׁ כִּי יַעֲטוֹף? עֶר הַאלְט צוּרִיק, דֶער אָרֶעמַאן וֶוען עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט עֶר אַלֶעס אָפּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶערְט זִיךְ צוּם אָרֶעמַאן אוּן לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

אַלֶע פְרֶעגְן: "מִיט וָואס טוּט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁעפְטִיגְן?" אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט זַיינְס אַ זַאךְ,

נָאךְ מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט קִידוּשׁ לְבָנָה, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט הַבְדָלָה. דֶער עוֹלָם אִיז דֶערְנָאךְ אַרוֹיס אִין לֶעבֶּעדִיגֶע טֶענְץ, מֶען הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶע הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן דִי נִיגוּנִים תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג אִין אוּמַאן.


הבדלה


ריקודין מוצאי שבת

מִיט דִי תְּפִילוֹת אוּן טַעֲנוֹת פוּן דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, תְּפִילוֹת פוּן אָרֶעמֶעלַייט", דִי בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה קוּמֶען אַרַיין, זֵיי זָאגְן: "פַארְוָואס דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי אוֹיסְהֶערְן? מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ מִשְׁפָּט", אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט זֵיי: "אִיךְ וִויל אַזוֹי, אִיךְ וִויל זַיין אַלֵיינְס מִיט זֵיי".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין ה, אוֹת מג), מַה דָאךְ וֶוען אַן אָרֶעמַאן בְּגַשְׁמִיוּת קוּמְט זִיךְ אוֹיס'טַעֲנָה'עֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט אַזַא רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל אִין הִימְל, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר וֵויינְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַן אֶמֶת'עֶר אָרֶעמַאן, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ לִיג אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, אִיךְ זִינְדִיג, אִיךְ טוּ עֲבֵירוֹת; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"** - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס וֶוערְט אַ מוֹרָא'דִיג טוּמְל אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס נֶעמְט דִי תְּפִילוֹת אוּן אִיז אִים מוֹחֵל.

דָאס זֶעעֶן מִיר אִין פַּרְשַׁת וַיִקְרָא (ב, א): "וְנֶפֶשׁ כִּי תַקְרִיב", זָאגְט רַשִׁ"י, בַּיי אַנְדֶערֶע קָרְבָּנוֹת גֶעפוּנֶען מִיר נִישְׁט עֶס זָאל שְׁטֵיין "'וְנֶפֶשׁ' כִּי תַקְרִיב", נָאר דָא בַּיים קָרְבַּן עָנִי, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מַעֲלֶה אֲנִי עָלָיו כְּאִלּוּ הִקְרִיב נַפְשׁוֹ"; דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיי אַן אָרֶעמַאן בְּדַעַת, אַן אָרֶעמַאן אִין רוּחָנִיּוּת; עֶר קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט זַיינֶע קְלֵיינֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאךְ וִויל אִיךְ זַיין גוּט", דָאס אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן – כְּאִלּוּ הִקְרִיב נַפְשׁוֹ.

דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְגִינְט אָבֶּער נִישְׁט, עֶר זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, דוּ שְׁטִינְקְסְט, דוּ מַאכְסְט צַעַר פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, דַיין דַאוֶונֶען שְׁטִינְקְט, דַיינֶע מִצְוֹת שְׁטִינְקֶען' – דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, עֶר הָאט לִיבּ אֲפִילוּ עֶס שְׁטִינְקְט'. דִי תּוֹרָה זָאגְט (שָׁם, יז): "וְשִׁסַּע אֹתוֹ בִכְנָפָיו, וְהִקְטִיר אֹתוֹ הַכֹּהֵן הַמִּזְבֵּחָה", מֶען זָאל פַארְבְּרֶענֶען דֶעם קָרְבַּן עָנִי מִיט דִי פֶעדֶערְן; וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע גֶערוּךְ פוּן




פַאךְבְּרֶענְטֶע פֶעדֶערְן, פַארְבְּרֶענְטֶע הָאר – וֵוייסְט אַז דֶער גֶערוּךְ אִיז נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן, וִוי קֶען זַיין מֶען זָאל מַקְטִיר זַיין דֶעם קָרְבַּן עָנִי, דֶעם עוֹף מִיט דִי פֶעדֶערְן? זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (וַיִּקְרָא רַבָּה ג, ה; הוּבָא בְּרַשִׁ"י): "כְּדֵי שֶׁיְּהֵא הַמִּזְבֵּחַ שָׂבֵעַ וּמְהֻדָּר בְּקָרְבָּנוֹ שֶׁל עָנִי", אַז דֶער מִזְבֵּחַ זָאל וֶוערְן בַּאשֵׁיינְט אוּן זַאט פוּנֶעם קָרְבַּן עָנִי; דָא זֶעט מֶען אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רִיכְטִיגֶער עָנִי, אַן עָנִי בְּדַעַת, קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ קָרְבַּן, עֶר לֵייגְט תְּפִילִין, עֶר דַאוֶוענְט, עֶר לֶערְנְט, אֲפִילוּ דִי מַחֲשָׁבוֹת פַּיינִיגְן אִים, מֶען טְרַאכְט 'אִיךְ שְׁטִינְק דָאךְ, אִיךְ בִּין דָאךְ אַן עֶקְלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ' – דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁטִינְק, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיסְטוּ שֵׁיין.

נָאךְ מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט קִידּוּשׁ לְבָנָה, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט הַבְדָּלָה. דֶער עוֹלָם אִיז דֶערְנָאךְ אַרוֹיס אִין לֶעבֶּעדִיגֶע טֶענְץ, מֶען הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶע הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן דִי נִיגוּנִים תְּפִילּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג אִין אוּמַאן. יֶעצְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ פָארְן, דִי גְרֶענִיצְן זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן, עֶס בְּרֶענְט אַ מִלְחָמָה צְוִוישְׁן אוּקְרֵיינָא אוּן רוּסְלַאנְד.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז פוּן דִי עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת; אוֹיסְהֶערְן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קֶענֶען מַדְרִיךְ זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן.

צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ גֶעסְט וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁבָּת. דֶער דַיָּין ר' יוֹנָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט, עֶר הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מְרִימְנָאוו זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (הוּבָא בְּסֵפֶר יַלְקוּט מְנַחֵם, הַפְטָרַת וַיֵּרָא), עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים-ב ד, כג): "מַדּוּעַ אַתְּ הֹלֶכֶת אֵלָיו הַיּוֹם", דֶער מַאן פוּן שׁוּנַמִּית הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס גֵייסְטוּ צוּם צַדִּיק, צוּ אֱלִישָׁע הַנָּבִיא? "לֹא חֹדֶשׁ וְלֹא שַׁבָּת", הַיינְט אִיז נִישְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן נִישְׁט שַׁבָּת, "וַתֹּאמֶר שָׁלוֹם", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "שָׁלוֹם", וָואס הָאט זִי גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן מִיט דֶעם "שָׁלוֹם"? נָאר דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה, דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט שָׁלוֹם מִיט זַיין מַצָּב, עֶר זוּכְט שׁוֹין נִישְׁט אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן זַיינֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת; דָאס הָאט זִי גֶעזָאגְט, דוּ פְרֶעגְסְט מִיר פַארְוָואס אִיךְ פָאר צוּ מַיין רֶבִּי? וָואס אִיז הַיינְט דִי יוֹם טוֹב? "שָׁלוֹם!" אִיךְ צִיטֶער וָואס גֵייט זַיין מִיט מִיר.


דער דיין שליט"א ביי זיין דרשה


הייב אויף די טעלעפאון פאר דיין ווייב

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דִי שְׁמוּעֶס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) אַז וֶוער עֶס לִיגְט אִין טוּמְאָה אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין - אִיז דָאס נָאר דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוֹיבּ וֶועט אַ מֶענְטְשׁ זַיין שְׁטַארְק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ מִשְׁנַיוֹת, כַּךְ וְכַךְ גְּמָרָא – וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טוּמְאָה, פוּן דִי זֻהֲמָה. אַנְדֶערֶע עֵצוֹת אִיז נִישְׁטָא, אַ שָׁאד צוּ גֵיין צוּ טֶערֶעפִּיסְטְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, וִוי קֶענֶען זֵיי מִיר הֶעלְפְן?! נָאר דִי עֵצָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן – דָאס הֶעלְפְט.

מֶענְטְשְׁן לַאכְן: 'קוּק דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, זֵיי מַאכְן

אַ סִיוּם אוֹיף זָאגְן', מֶען שְׁפֶּעט פוּן בְּרֶסְלֶב, 'מֶען נֶעמְט אַרוֹיס אַן הָאטֶעל פַאר זָאגְן גְמָרָא, פַאר דַאוֶוענֶען גְמָרָא...'; אִיךְ טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אָבֶער דִיר זָאג אִיךְ, פְּרֶעג יֶענֶעם: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן דִי גַאנְצֶע וִוינְטֶער, הָאסְט גֶעעֶפְנְט אַ סֵפֶר?" (נִישְׁט דוּ זָאלְסְט גֵיין פְּרֶעגְן מֶענְטְשְׁן, טַעֲנָה זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט; דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג פוּן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי זַאךְ, מֶען זָאגְט 'פְּרֶעג יֶענֶעם'), פְּרֶעג אִים: "וָואס טוּסְטוּ שַׁבָּת? וָואס טוּסְטוּ פְּרַייטָאג? לֵיינְסְט צֵייטוּנְגֶען, פַארְבְּרֶענְסְט דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן".

אִיךְ הָאבּ אַרוֹיפְגֶערוּפְן אַ אִינְגְל וָואס הָאט דִי וָואךְ בַּר מִצְוָה גֶעהַאט, דִי בַּר מִצְוָה אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי בַּר מִצְוָה זָאגְן זַיין פְּשֶׁעטְל, אַנְשְׁטָאט זָאגְן צְוֵויי וֶוערְטֶער אוּן מֶען גֵייט אַרַיינְזִינְגֶען, נֶעמְט עֶר אַ גְמָרָא אוּן זָאגְט: "תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, כָּל הַשּׁוֹנֶה הֲלָכוֹת בְּכָל יוֹם מֻבְטָח לוֹ שֶׁהוּא בֶּן עוֹלָם הַבָּא... הַדְרָן עֲלָךְ כָּל שִׁשָּׁה סִדְרֵי תַּלְמוּד בַּבְלִי..." עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס! דִי מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְפְרוֹירְן, אַזוֹינְס הָאבְן זֵיי נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען, אַ אִינְגְל, אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר זָאל עֶנְדִיגְן שַׁ"ס!

קוּמֶען דִי לֵצִים אוּן פְרֶעגְן: "הָאסְט טַאקֶע מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ"ס? אִיךְ קֶען דִיךְ פַארְהֶערְן?" אַזוֹינְס הָאט יֶעדֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, וִוי נָאר עֶר דֶערְצֵיילְט אַ סִיוּם פְרֶעגְט מֶען אִים: "אִיךְ קֶען דִיךְ פַארְהֶערְן?" זָאגְט אֵיינֶער זֵייעֶר גוּט: "מִיר קֶענְסְטוּ נִישְׁט פַארְהֶערְן, אִיךְ זָאג; דוּ



אויבן און אין א טאנץ

איך בין זייער איבערגענומען פונעם שבת, עס איז געווען הערליך שיין, צענדליגער משפחות זענען פריש מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן. די אינגעלייט און בחורים האבן זייער שיין אויפגענומען יעדן איינעם. אויך די פרויען, די מיידלעך, די תלמידות האבן זייער שיין אויפגענומען יעדן איינעם.

אָבֶער לֶערְנְסְט דָאךְ גֶעהֶערִיג, אִיךְ קֶען דִיךְ פַארְהֶערְן?" בְּלַייבְּט יֶענֶער שְׁטֵיין מִיט דִי צוּנְג אִינְדְרוֹיסְן.

עֶס אִיז אַ וואוּנְדֶער, וֶוער עֶס וֶועט דִיר זָאגְן "אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר", "אִיךְ גֵיי צוּ אַ שִׁיעוּר", "אִיךְ הָאבּ אַ חַבְרוּתָא", קֵיינֶעם וֶועט מֶען נִישְׁט פְּרֶעגְן: "אִיךְ קֶען דִיךְ פַארְהֶערְן?" פַארְוָואס פְּרֶעגְסְטוּ נִישְׁט דִי וָואס לֶערְנֶען צִי דוּ קֶענְסְט זֵיי פַארְהֶערְן...

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ. אַז זִי רוּפְט: "קוּם אַהֵיים, הֶעלְף מִיר, אִיךְ פַאל פוּן מַיינֶע כֹּחוֹת" – זָאל מֶען אַהֵיימְגֵיין, נִישְׁט זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן. אַז דִי וַוייבּ רוּפְט אוּן בֶּעט: "נֶעם מִיךְ דָארְט אוּן דָארְט", זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ בִּין דַיין קַאר סֶערְוִויס דְרֵייוֶוער?!" עֶס אִיז אַ פֶּלֶא צוּ זֶען אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע וִוילְן נִישְׁט אַהֵיים גֵיין, זֵיי וִוילְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען דִי וַוייבּ רוּפְט; וָואלְט אַ חַבֶר גֶעבֶּעטְן "טְרָאג מִיךְ", "נֶעם מִיךְ דָארְטְן", - וָואלְטְן זֵיי גֶעלָאפְן, גֶעטְרָאגְן, גֶעבְּרֶענְגְט – פַארְוָואס דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ וִויל מֶען נִישְׁט נֶעמֶען, טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען...

דִי אַמֶערִיקַאנֶע פָאלְק רוּפְט דֶעם פְּרֶעזִידֶענְטְ'ס וַוייבּ "דִי עֶרְשְׁטֶע פְרוֹי פוּן דִי פַארְאֵייניגְטֶע שְׁטַאטְן", דִי פוֹירְסְט לֶעדִי; אַ אִיד דַארְף דָאס זָאגְן אוֹיף זַיין וַוייבּ, "דוּ בִּיסְט דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע בַּיי מִיר".

דִי סִיוּם הָאט גֶעמַאכְט יַעְנְקִי לֶעזֶער, עֶר

ציבור ביים טאנצן לכבוד התורה


לֶערְנְט פַאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אִין אִידִישׁ אוּן אִין עֶנְגְלִישׁ; צְווֵיי שִׁיעוּרִים אַ טָאג.

דֶער דַיָּין הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט אַפָּאר הוּנְדֶערְט גְמָרוֹת מְנֻקָּד, קְלֵיינֶע ווֵייכֶע גְמָרוֹת, עֶס זָאל זַיין גְרִינְג מִיטְצוּנֶעמֶען מִיט זִיךְ אִין אַרְבֶּעט, אוּנְטֶערְוֶועגְנְס. נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעטַאנְצְן בִּיז פַארְטָאגְס.

אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעפָארְן נֶעכְטְן נָאכְט, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פִינְף אַזֵייגֶער, מֶען הָאט גֶערוּקְט דֶעם זֵייגֶער, מֶען הָאט פַארְלוֹירְן אַ שָׁעָה.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין מִנְיָן אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאווְנְט אִין יְשִׁיבָה בִּיחִידוּת. דִי הֲלָכָה אִיז, ווֶער עֶס הָאט אַ מִנְיָן קָבוּעַ אוּן עֶס פַּאסִירְט אַמָאל אַז עֶס נִישְׁטָא קֵיין מִנְיָן – זָאל מֶען בְּלַייבְּן דַאוְוענֶען אִינֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ מֶען דַאווְנְט.

בַּיי מִנְחָה אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מִנְיָן, נָאךְ מִנְחָה הָאבְּן מִיר פַארְגֶעלֶערְנְט דִי בְּלַאט גְמָרָא. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מֵיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען הֶעלְפְן מַיין ווַייבּ תְּחִי'.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען פְרִישׁ מְקוֹרָב גֶעווָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בַּחוּרִים הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם. אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן, דִי מֵיידְלֶעךְ, דִי תַּלְמִידוֹת הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶר אִיז אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ דַארְף שְׁטֵיין עַל הַמִּשְׁמָר נִישְׁט צוּ לָאזְן בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דַיין אַרְבֶּעט אִיז, פוּן אֵיין זַייט זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי דְרַיי כִּיתּוֹת קֶעגְנְט וואָס דֶער מֶלֶךְ הָאכְזָר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג)"; אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי אִינְפָארְמַאצְיֶע.

דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. יָארְן צוּרִיק אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִיד פוּן יַבְנְאֵל, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער מֶענְטְשׁ צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּאנְדְרֶעיזֶער אִין יַבְנְאֵל. עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן עֶר ווִיל אַרַיינְלֵייגְן זַיין זוּן אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: 'זִיכֶער אִיז דָאס בְּהַסְכָּמַת מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט דָאס זִיכֶער דוּרְכְגֶערֶעדְט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר אִיז דָאךְ אַ יוֹצֵא וְנִכְנָס, אַ מְשַׁמֵּשׁ', דָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז דֶער אִיד ווִיל אַרַיינְלֵייגְן זַיין זוּן. מוֹהֲרָא"שׁ וֶוערְט עֶרְנְסְט אוּן זָאגְט מִיר: "נֶעם אִים נִישְׁט אַרַיין אִין יְשִׁיבָה, עֶר אִיז אַ קְרַאנְקֶער בָּחוּר, עֶר לוֹיפְט נָאךְ אִינְגְלֶעךְ אוּן בַּחוּרִים; אִיךְ הָאבּ אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן יַבְנְאֵל, עֶר אִיז אַ מְנֻוָּול; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִים אַרַיינְנֶעמֶען אִין יְשִׁיבָה – וֶועט עֶר קָאלְיֶע מַאכְן אַלֶע בַּחוּרִים", מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר: "אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט בֶּעסֶער – קֶענְסְטוּ טוּן אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער אִיךְ זָאג דִיר זָאלְסְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים", מֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט, אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם פַארְטְרִיבְּן פוּן יְשִׁיבָה.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אֱמֶת, מֶען הָאט נִישְׁט פַארְדֶעקְט דִי שְׁמוּץ אוּנְטֶערְן קַארְפֶּעט. אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, אַז מֶען כַאפְּט אַ מְנֻוָּול, אוֹיבּ דֶער טַאטֶע אִיז מְקוֹרָב לְמַלְכוּת – פַארְדֶעקְט מֶען דָאס, אָדֶער אוֹיבּ דֶער טַאטֶע הָאט גֶעלְט – פַארְדֶעקְט מֶען דָאס, בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אֱמֶת, מֶעגְסְט זַיין דֶער נָאנְטְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אַז דַיין זוּן אִיז אַ סַכָּנָה – קֶען עֶר נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן רֵיינֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע בַּחוּרִים.

גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ קֶען אַסַאךְ פַארְטְרָאגְן אוּן אַסַאךְ דֶערְהֵייבְּן, אָבֶּער דָאס וואָס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט הָאט מִיךְ אַזוֹי צֶערוּדֶערְט, אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט בַּיי מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל ווִיסְן וואָס צוּ טוּן. אִיךְ הָאבּ אִים פַארְטְרִיבְּן, עֶר ווֵיינְט צוּ מִיר פַארְוואָס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט נִישְׁט קֵיין רַחְמָנוּת, גֵיי זַיי אִים מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז רַחְמָנוּת, אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, גֵיי הַפָּצָה; אֲפִילוּ דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לֵייגְן קֵיין גִלְיוֹנוֹת, בְּלוֹיז ווֶען מֶען זֶעט דִיר – אִיז דָאס הַפָּצָה. מֶען זֶעט אַ אִינְגֶערְמַאן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַזוֹי דֶּרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אַזוֹי אֵיידֶל, אַזוֹי עֶרְלִיךְ, דָאס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיבּ אִיז שַׁיָּיךְ מִיר צוּ מַאכְן דִי שַׁאנְק פַאר פֶּסַח, מַיין ווַייבּ וֶועט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

נָאכְן עֶנְדִיגְן שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיוו, אָפְּשְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת, קְלֶער אִיךְ אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם שֵׁיינֶעם שַׁבָּת, אַזוֹי וֶועלְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַבִּיסְל חִיזּוּק פוּן דִי שֵׁיינֶע הִתְחַזְּקוּת וואָס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט; אִיךְ צִי צוּרִיק... עֶנְדֶערְשׁ ווָאלְסְטוּ יָא גֶעדַארְפְט קוּמֶען, ווַייל דָאס אַלֶעס ווָאס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו אִיז אַ בְּרֶעקְל פוּנֶעם שַׁבָּת, בִּבְחִינַת יוֹתֵר מִמַּה שֶׁקָּרִיתִי לִפְנֵיכֶם - כָּתוּב כָּאן.

בֶּעט פַאר מִיר, אִיךְ גֵיי מָארְגְן צוּם דָאקְטֶער; קֶען זַיין אִיךְ וֶועל דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין עֶפֶּעס, אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁרַייבְּן. בֶּעט פַאר מִיר, מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי אִיז מַיין אַפּוֹינְטְמֶענְט.

יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.





ר' אהרן פיש הי"ו ביים רעדן

# נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

## סוֹף אֲדָר ב׳
תשפ״ב

### עַל כֵּן נִקְרֵאת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אֶרֶץ הַחַיִּים"
לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מז

מִיט גְרוֹיס פְרֵייד הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער דִי וֶועלְט אוּן תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּפְרַט אוֹיפְגֶענוּמֶען דִי פְרֵיילִיכֶע בְּשׂוּרָה צוּ הָאבְּן דִי זְכִיָּ' אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּ פָארְן בַּאזוּכְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת רְפוּאוֹת אוּן שִׁידוּכִים אוּן זִיווּגִים. פוּן "שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ" בִּיז "שְׁכֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר מַיין לֶעבְּן!" הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אוּמֶעטוּם וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁטֶעלְט זַיינֶע טְרִיט, פוּן מִירוֹן בִּיז בְּנֵי בְּרַק אוּן פוּן צְפַת בִּיז יְרוּשָׁלַיִם. אִינֶעם לֶענְגֶערְן בְּרִיוו הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַארְשִׁידֶענֶע דֶעטַאלְן פוּן דִי נְסִיעָה, אוּן דִי תּוֹכָן פוּן אַ חֵלֶק דְרָשׁוֹת וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וֵוילְנְדִיג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמִינִי - פָּרָה תשפ"ב, וֶוען עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעפַאלְן דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְצַייט אוּן מַעֲמַד הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה פוּן זַיין גְרוֹיסְן זֵיידְן הגה"צ רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. מִיט אַ דַאנְק פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְ'ן נֶעמֶען דִי מִי דָאס אַלֶעס אָפְּצוּשְׁרַייבְּן שְׁטֶעלְן מִיר פַאר פַאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ לֵיינֶער דֶעם בְּרִיוו פוּן וואוּ מֶען וֶועט זִיךְ אָנְשֶׁעפְּן מִיט פְרִישֶׁע חַיּוֹת אוּן כֹּחוֹת צוּ מְקַיֵים זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אוּן דָאס וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע.

קִרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ, יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ה אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין בַּיי דִי הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה פוּן מַיין זֵיידֶע הַגָּאוֹן הַצַּדִיק רֶבִּי יְחֶזְקֵאל בֶּן ר׳ יִצְחָק אַייזִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִי יָארְצַייט אִיז גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-פָּרָה (כ"ג אֲדָר ב׳) דִי הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דֶעם זוּנְטָאג.

עֶס זֶענֶען מִיטְגֶעקוּמֶען דְרַייסִיג בָּחוּרִים. מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן דִינְסְטָאג נַאכְט צְוֶועלְף אַזֵייגֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אִין עֵירְפָּארְט. דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט, קוֹדֶם בִּין אִיךְ אַבִּיסְל



גֶעשְׁלָאפְן, נָאכְדֶעם הָאב אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל בְּרִיוו און דֶערְנָאךְ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נָאכְמִיטָאג אוּם פִיר דְרַייסִיג. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אִין עֶירְפָּארְט, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין בְּנֵי בְּרַק. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה. עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט פוּן דִי בְּנֵי בְּרַק'עֶר חֲבוּרָה הָאבְּן מִיךְ אָפְּגֶעוָוארְט, זַיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵיידְט, זַיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה בְּשֵׁם וּמַלְכוּת: "שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְגוֹ'", אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן רכה, סְעִיף א), ווֶען מֶען טְרֶעפְט אַ חָבֵר וָואס מֶען הָאט שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, מֶען בֶּענְקְט זִיךְ און מֶען פְרֵיידְט זִיךְ – מַאכְט מֶען אַ "שֶׁהֶחֱיָינוּ".

אִין בְּנֵי בְּרַק בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּ אַ זַאל, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען, הוּנְדֶערְטֶער אִידְן, צוּ אַ יָארְצַייט סְעוּדָה לְכָבוֹד דִי הִלּוּלָא פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט מַאכְן מִיט אוּנְז אַ יָארְצַייט סְעוּדָה אִין דֶעם טָאג.

מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב און זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ אַ סְעוּדָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעבְּן שָׁלוֹם. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן; ווַיפִיל אִיךְ ווֶעל דִיר שְׁרַייבְּן וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען פָּארְשְׁטֶעלְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי. פְּרֶעג דִי בַּחוּרִים, זַיי וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן, אָדֶער פְּרֶעג אַייזִיק רָאטְה, עֶר אִיז מִיט גֶעקוּמֶען, אוֹיךְ דֶער מְנַהֵל אַבְרָהָם מֹשֶׁה אִיז מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אֲרִי ווֶעבֶּערְמַאן. אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן אַ חַלָּה, מֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיְיךְ צוּ עֶסְן, גֶעבְּן דִי הַאנְט פַאר אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן און זַיי נָאר בַּאגְרִיסְן הָאט גֶענוּמֶען צְווֵיי שָׁעָה.

דִי גַּבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ רַייכֶע סְעוּדָה, מַמָּשׁ ווִי אַ חֲתוּנָה, מֶען הָאט סֶערְווִירְט אַ גֶעהֶערִיגֶע סְעוּדָה כְּיַד הַמֶּלֶךְ. דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען אִין לְשַׁעַר; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט און גֶעזִינְגֶען.

מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי דְּרָשָׁה מִיט אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס; הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד שִׁמְעוֹן פְּרֶענְקֶל נֵרוֹ יָאִיר, אַ זוּן פוּן דֶער גַּבַּאי אִין יְרוּשָׁלַיִם יִצְחָק שְׁמוּאֵל – הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ"ס תַּלְמוּד בַּבְלִי. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאגְרֵייפְן וָואס זַיי זֶעעֶן, אַ יוּנְג קִינְד אִיז מְסַיֵּים גַאנְץ שַׁ"ס! דִי פָּנִים הָאט אִים גֶעלַאכְטְן, מֶען הָאט גֶעזֶען דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ"ס אִיז מַמְשִׁיךְ



קבלת פנים אין בני ברק



מוהרא"ש זי"ע מיט הגאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל

**מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב און זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ אַ סְעוּדָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעבְּן שָׁלוֹם. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן; ווַיפִיל אִיךְ ווֶעל דִיר שְׁרַייבְּן וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען פָּארְשְׁטֶעלְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי. פְּרֶעג דִי בַּחוּרִים, זַיי וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן**

אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים".

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי חַיִים קְנַייבְסְקִי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ אַזַא דַּרְגָּא נָאר בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען בִּגְרִירְסָא בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן "וּמִמֵּילָא יָבִין". דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "אֵין צְרִיכִין בִּלְמוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי ווֶערְטֶער, "לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", נָאר זָאגְן דִי ווֶערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "בְּרוּדֶער, זָאג מִיר אוֹיס דֶעם סוֹד, וָואס אִיז דַיין כֹּחַ פוּן מוֹפְתִים? עֶס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר מוֹפְתִים, עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ אַזוֹינְס", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דָאס אִיז דֶער סוֹד"; הָאט רֶבִּי זוּשָׁא גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין אַלֶעס, אַז עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט – אִיז דָא נִיסִים און יְשׁוּעוֹת".

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר דִי רָאשֵׁי פְּרָקִים, דֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר קֶענְסְטוּ הֶערְן אוֹיפְ'ן הַאטְלַיין.

נָאךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען קַיין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תְּמִידִיג צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶוערְן זַיי אַנְטוֹישְׁט ווֶען זַיי זֶעעֶן פְּרָאבְּלֶעמֶען. אָבֶּער ווֶען מֶען קוּמְט קַיין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זִיךְ צוּ הֵיילְן, מֶען לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן קֵיינֶעם, מֶען זוּכְט נָאר דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען זוּכְט אַבִּיסְל פְרִישֶׁע לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען – דֶעמָאלְט ווֶערְט מֶען נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן גָארְנִישְׁט, מֶען זוּכְט נִישְׁט חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַנְדֶערֶע, אַנְשְׁטָאט זוּכְן צוּ פַארֶערְכְטְן בַּיי אַנְדֶערֶע – פַארֶערְכְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס; דִי גֵייעֶן נִישְׁט אַוֶועק, דִי בְּלַייבְּן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן בַּיים צַדִּיק, אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער

וָואס קוּמְט מִיט דִי כַּוָּונָה אַוֶועק צוּ לוֹיפְן פוּן זַיין קְהִילָה, פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען – דֶער וֶועט וַוייטֶער אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶש, וַוייל אִיבֶּעראָל זֶענֶען דָא פְּרָאבְּלֶעמֶען; כָּל זְמַן מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת אִיז יֶעדֶער פוּל מִיט חֶסְרוֹנוֹת, אוּן אַז מֶען זוּכְט נָאר שְׁלֵימוּת – טְרֶעפְט מֶען זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ, בִּיז מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען לַיידְט פוּן דִי קְלָלָה פוּן קַיִן, "נָע וָנָד תִּהְיֶה בָאָרֶץ" (בְּרֵאשִׁית ד, יב), מֶען אִיז פַארְוָואגֶעלְט פוּן דִי לֶעבְּן; נָאר דֶער וָואס זוּכְט אַ וֶועג 'פַאר זִיךְ' צוּ לֶעבְּן, אַ וֶועג 'פַאר זִיךְ' צוּ נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ וֶועג 'פַאר זִיךְ' צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַ וֶועג 'פַאר זִיךְ' צוּ לֶערְנֶען – דֶער בְּלַייבְּט מְקוּשָׁר צוּם צַדִיק.

מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן מֶען הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אָטֶעמֶען; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה פוּן דִי פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים וָואס אָטֶעמֶען דִי דְרָשׁוֹת, אָטֶעמֶען דִי בְּרִיוו; זֵיי וַוארְטְן זִיךְ צוּ זֶען אוּן צוּ קֶענֶען נָאר זָאגְן דִי אֵיין וָוארְט: "שְׁכּוֹחַ פַאר מַיין לֶעבְּן!"

מַיין מַאמֶע רוּפְט מִיר אָן, זִי זָאגְט מִיר: "אִיךְ הֶער דוּ בִּיסְט אִין בְּנֵי בְּרַק, וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צוּגֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה", דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין שְׁוֶועסְטֶער-קִינְד, אַן אֵיינִיקְל פוּן מַיין מַאמֶע'ס בְּרוּדֶער, הָרַב ר' שְׁמוּאֵל טֵייטְלְבּוֹים נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, עֶר הָאט מִיר אַלֶע יָארְן זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען. אִין דִי צַייט פוּן דִי רְדִיפוֹת הָאט עֶר מִיר אַלְץ גֶעזָאגְט: "אָחִי חֲזַק וֶאֱמַץ עַצְמְךָ, בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "שָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ 'אָחִי, חֲזַק וֶאֱמַץ עַצְמְךָ', הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", אוֹיבּ וָואלְט מִיר אֵיינֶער גֶעזָאגְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי וֶוערְטֶער "בְּרוּדֶער, דֶערְהַאלְט זִיךְ, גֵיי וַוייטֶער אָן", וָואלְט עֶס מִיר זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן, אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְש, יִהְיֶ' מִי שֶׁיִּהְיֶ' וָואלְט מִיר דָאס גֶעזָאגְט, וָואלְט עֶס מִיר גֶעהָאלְפְן.

אוֹיךְ דֶער מְחוּתָּן, מַיין שְׁוֶועסְטֶער-קִינְד הָאט מִיר אַמָאל זֵייעֶר מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען אוּן גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען. דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, שְׁנַת תשס"ט - אִיז גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת אוֹיף מִיר, דוּ גֶעדֶענְקְסְט דָאס אַוַדַאי, מֶען הָאט דִיר דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶע'רוֹדְפְ'ט. דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיט חָכְמָה; מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי מְחַזֵק צוּ זַיין... עֶר פְרֶעגְט מִיר מִיט אַן עֶרְנְסְטְן פָּנִים: "דוּ וֵייסְט וָואס גֵייט פָאר?" אִיךְ קוּק אוֹיף אִים, אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ פְרֶעגְן?" אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיר נָאכְאַמָאל: "דוּ וֵייסְט וָואס גֵייט פָאר? דוּ וֵייסְט וֶוער עֶס פִירְט דִי מִלְחָמָה קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה?" זָאג אִיךְ אִים: "יָא", אוּן אִיךְ הוֹיבּ אִים אָן אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען אַפָּאר נֶעמֶען, ... מִיט ... וְעוֹד; זָאגְט עֶר מִיר: "דוּ וֵייסְט וֶוער עֶס שְׁטֵייט אוּנְטֶער זֵיי?" זָאג אִיךְ אִים מִיט שְׁרֶעק: "נֵיין!" זָאגְט עֶר מִיר: "דָאס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם! דוּ וֵייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר", עֶר צִיט מִיךְ אָן, אִיךְ וֶוער מֶער אוּן מֶער נֵייגֶערִיג... עֶר בֵּייגְט זִיךְ צוּ צוּ מַיין אוֹיעֶר אוּן זָאגְט מִיר שְׁטִילֶערְהֵייט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער..." עֶר הָאט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען, עַד הַיּוֹם גֶעדֶענְק אִיךְ דָאס.

אוֹיךְ ר' נַפְתָּלִי לֶעבָּאוִויטְש, דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סַאטְמֶערֶער רֶבִּי'ס חִידוּשֵׁי תּוֹרָה - אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, עֶר הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַ מִנְהָג, וואוּ עֶס אִיז דָא אַ אִיד אַ נִרְדָּף - גֵיי אִיךְ אִים מְחַזֵק זַיין"; עֶר אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת וֶוען זַיין בְּרוּדֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, פַארְיָאר - פּוּנְקְט אַ יָאר צוּרִיק - וֶוען מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה מִיטְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן, חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח, רוּפְט מִיר זַיין בְּרוּדֶער דֶער נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער רֶבִּי שְׁלִיטָ"א, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, נִישְׁט סְתַּם גֶעזָאגְט "שְׁטַארְק זִיךְ", נָאר מִיט חָכְמָה. עֶר פְרֶעגְט מִיר אַזוֹי תַּמְ'עֶוואטֶעדִיג אוֹיבּ אִיךְ וֵייס דֶעם מַרְאֶה מָקוֹם פוּן עֶפֶּעס אַ שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, עֶר זוּכְט דֶעם מַרְאֶה מָקוֹם פוּן דִי שִׂיחָה הַנַּ"ל, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אֵיינֶער וָואלְט אִים גֶעזָאגְט 'אָחִי חֲזַק' וָואלְט עֶס אִים זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן, אִיךְ עֶנְטְפֶער אִים גְלַייךְ: "דָאס אִיז אַ תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב' סִימָן מח", פְרֶעגְט עֶר מִיר מִיט חָכְמָה: "בִּיסְט זִיכֶער? קֶענְסְט אֶפְשָׁר עֶפֶענֶען אַ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן מַאכְן זִיכֶער אַז עֶס שְׁטֵייט דָארְט?" אִיךְ עֶפְן אַ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִיךְ זָאג פַארְ'ן נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער רֶבִּי פוּן מָאנְסִי: "יָא", זָאגְט עֶר מִיר: "דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶערוּפְן, אִיךְ וֵייס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן,


דער ניקלשבורגער רבי שליט"א מיט מוהרא"ש זי"ע

פְרֶעגְט עֶר מִיר מִיט חָכְמָה: "בִּיסְט זִיכֶער? קֶענְסְט אֶפְשָׁר עֶפֶענֶען אַ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן מַאכְן זִיכֶער אַז עֶס שְׁטֵייט דָארְט?" אִיךְ עֶפְן אַ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִיךְ זָאג פַארְ'ן נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער רֶבִּי פוּן מָאנְסִי: "יָא", זָאגְט עֶר מִיר: "דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶערוּפְן, אִיךְ וֵייס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וִויל אִיךְ דִיר זָאגְן 'אָחִי, חֲזַק וֶאֱמַץ עַצְמְךָ'"; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַזֵק גֶעוֶוען, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט.


חתונה פון אן אייניקל ביי ר' שמואל טייטלבוים הי"ו, פעטער פונעם ראש ישיבה



זינגט צוזאמען ביי קבר שמואל הנביא

וויל אִיךְ דִיר זָאגְן 'אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ'"; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַזֵק גֶעוֶוען, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט.

אוֹיךְ הָאט מִיר גֶערוּפְן פַארְיָאר עֶרֶב פֶּסַח דֶער לֶעלוּבֶּער רֶבִּי פוּן בָּארָא פַּארְק, עֶס אִיז דֶעמָאלְט אַרוֹיס אַ שְׁמוּעָה אַז מֶען הָאט מִיר גֶעלֵייגְט אִין תְּפִיסָה פַארְ'ן מַאכְן חֲתוּנוֹת. עֶר רוּפְט מִיר אוּן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס מַאכְט פְּרָאפֶעסָאר פְרֵיילִיךְ?" זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט", פְרֶעגְט עֶר מִיר: "וָואס הֵייסְט, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דֶעם גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסָאר? וֶוער פָארֶעט זִיךְ מִיט דַיין פַּרְשָׁה?" עֶר זָאגְט מִיר: "פְּרָאפֶעסָאר פְרֵיילִיךְ אִיז 'זַיין פְרֵיילִיךְ', אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען"; עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן מַיין מַאמֶע בַּיי דִי חֲתוּנָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דַיין טַאטֶע בַּיי דִי חֲתוּנָה אוּן אִיךְ הָאבּ אִים בַּאגְרוּסְט. אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קעח) בִּשְׁעַת אַ חֲתוּנָה גֵייט אַרוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, מֶען קֶען זִיךְ גוּט מִתְוַודֶה זַיין.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם נֵייעֶם בֵּית הַמֶדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִין בְּנֵי בְּרַק; וָואס דָארְט טוּט זִיךְ – אִיז נִישְׁט צוּם בַּאשְׁרַייבְּן... פֵייעֶר! אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, דָארְט שְׁפִּירְט מֶען אַ פְרִישְׁקֵייט, אַזַא פֵייעֶר, אַזַא הִתְחַדְשׁוּת, אַזַא בְּרֶען צוּם רֶבִּי'ן; זֵיי זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, מִקָטָן וְעַד גָדוֹל, אַלֶע פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִלְיוֹנוֹת, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה – מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, מִיט שִׂמְחָה.

דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן בַּאזוּנְדֶער אִין אַ הָאטֶעל אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ דִירָה אִין יְרוּשָׁלַיִם. דִי גֶעטְרֵייעֶ גַבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן אַזוֹי שֵׁיין אַלֶעס בַּאזָארְגְט, מִיט אַזַא הַארְצִיגְקֵייט אוּן בְּרֵייטְקֵייט.

דָאנֶערְשְׁטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶע'טוֹבֵל'ט אִין מִקְוֶה זוּפְּנִיק. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְונְט אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, אוֹיף רְחוֹב רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, אַזַא אֲוִיר הַזָךְ וְהָנָח... דָארְט שְׁפִּירְט מֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, נִישְׁטָא דָארְט קַיין לֵצִים; דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן בֵּית הַמֶדְרָשׁ: "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", "מוֹהֲרָא"שׁ", "רֹאשׁ יְשִׁיבָה" – פַארְטְרַייבְּן אַלֶע לֵצִים אוּן קְלִיפּוֹת.

נָאכְן דַאוְוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם דַף גְמָרָא. מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיי מַסֶכֶת יְבָמוֹת, מִיר אִיז דָאס גְרִינְגֶער פָארְצוּלֶערְנֶען מִיט אַ טָאוֶועל, גֶעבִּנְדִיג בֵּיישְׁפִּילְן פוּן רְאוּבֵן, שִׁמְעוֹן וְכוּ'; מִיר הָאבְּן פָארְגֶעלֶערְנְט "הַנְהָגוֹת הָאָדָם" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹת א.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעכַאפְּט צוּם נֵייעֶם חֵדֶר, "תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם", אָהּ אִיז דָארְט לִיכְטִיג! דִי חֵדֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין מֵאָה שְׁעָרִים, אִין שְׁטוּבּ פוּן שִׁמְעוֹן עוֹזֵר פֶּערְל נֵרוֹ יָאִיר, אֵיינֶער פוּן דִי גַבָּאִים אִין אוּנְזֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם. בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוֹיךְ גֶעפוּנְט זִיךְ דִי הַדְפָּסָה בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ; זֵיי הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע פְּרִינְטֶער אִין שְׁטוּבּ, זֵיי דְרוּקְן וֶועכְנְטְלִיךְ דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי אַלֶע גִלְיוֹנוֹת לַאֲלָפִים, אוֹיךְ זֶענֶען זֵיי מְתַרְגֵם דִי בְּרִיוו אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ. אַז עֶס וֶועט דִיר אוֹיסְקוּמֶען צוּ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיט זֵיי, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר טֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן, וואוֹילֶע מֶענְטְשְׁן.



תלמוד תורה
היכל הקודש
ירושלים



בית מדרש
היכל הקודש
בני ברק

אִיךְ בֶּעט דָאס נִישְׁט נָאר פוּן דִיר, אִיךְ בֶּעט עֶס כְּסֵדֶר פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים; מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן נָאנְט, מֶען זָאל זִיךְ בַּאפְרַיינְדְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אַ קָאמְפֶּענִי, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן נָאנְט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

נַחְזֹר לְעִנְיָנֵינוּ, צוּרִיק צוּם חֵדֶר; דֶער מְלַמֵד אִיז יוֹשֻׁעַ רַאבִּינָאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דָא נִישְׁט אִין דַיינֶע יָארְן, שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן. אַן אוֹיסְנַאם פוּן אַ מְלַמֵד, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט תְּפִלָּה; אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דִי קִינְדֶער: "וֶוער הָאט אַ תְּפִלָּה מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן?" דִי קִינְדֶער הָאבְּן דֶערְצֵיילְט הֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן זֵייעֶר טָאג טֶעגְלִיכֶער לֶעבְּן, ווִי זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט אוּן זֶעעֶן בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ

ווי זיי ווערן געענטפערט אויף יעדע זאך.

עס האט זייער שטארק גערעגנט דאנערשטאג אין ירושלים, אויך איז געווען שטארקע ווינטן, דאס האט שווער געמאכט די נסיעה מיט די בחורים.

מיר האבן געגעסן פרישטאג אין בית המדרש, נאכדעם האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויף א נסיעה צו מקומות הקדושים; איך בין געפארן אינאיינעם מיט די בחורים מיט א גרויסע באס, איך האב געוואלט מיט פארן מיט זיי צו קענען שמועסן אויפ'ן וועג איבער דאס גרויסקייט פון צדיקים.

מיר זענען געפארן צו קבר שמואל הנביא, מיר האבן אנגעפאנגען ספר תהלים ביז קאפיטל יא און זיך מתבודד געווען. עס זענען זיך צאמגעלאפן נאך בחורים פון ארץ ישראל, נייע פרישע מקורבים, מיט אינגעלייט. מיר האבן געזינגען אויבן פון די מערה דעם ניגון: "איך דארף נישט קיינעם, איך דארף נישט די וועלט, איך דארף נישט יענע וועלט, נאר דיר באשעפער אליינס".

פון דארט זענען מיר געפארן צו קבר רחל אמנו, מיר האבן געזאגט תהלים ביז קאפיטל לא. איך האב זיך דארט געקענט אביסל עפענען מיין הארץ ביי התבודדות, איך האב געבעטן פאר דיר און פאר אלע חברים און תלמידים.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין חברון צו די מערת המכפלה, די וועג האט גענומען לענגער ווי געפלאנט, עס האט גערעגנט.

מיר האבן געדאווענט מנחה אין די מערת המכפלה, און געזאגט תהלים ביז קאפיטל כא. מיר האבן דארט געזינגען די ווערטער פון די תפלה פון היילגן רבי'ן רבי אלימלך זכותו יגן עלינו, פונעם תפלה קודם התפלה: "**ותשפיע רוח קדשך עלינו**", הייליגער באשעפער, גיב אונז א הייליגקייט, א ריינקייט, "**שנהיה דבקים בך**", מיר זאלן שטענדיג זיין מיט דיר, "**ושנשתוקק תמיד אליך**", מיר זאלן שטענדיג גליסטן צו דיר, "**יותר ויותר**", מער און מער, "**וממדרגה למדרגה תעלנו**", ברענג אונז צו די הויכע מדריגה, "**שנזכה לבוא למעלת אבותינו הקדושים אברהם יצחק ויעקב**".



אין מערת המכפלה



מעריב ביי שמעון הצדיק

**אויפ'ן וועג אראפ צום ציון האבן מיר געזען דעם יד אבשלום, איך האב זיי דערציילט די געשיכטע פונעם אראפגעבראכענעם האנט. מוהרא"ש דערציילט, ווען דער קיסר נאפאליאן איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל און ער האט געזען דעם יד אבשלום האט ער געפרעגט וואס דאס איז, ווען מען האט אים געזאגט אז דאס האט אבשלום אויפגעשטעלט האט ער געזאגט: "א האנט וואס האט געשלאגן א טאטע טאר נישט בלייבן", ער האט געהייסן מען זאל עס אראפברעכן, מען זעט היינט נאר דער בנין אבער די האנט איז אראפגעהאקט**

איך האב געהאט א גרויסע התעוררות פון דעם, די השגה פון צדיקים צו בעטן אויף אזא גרויסע זאך; צו האבן די דביקות פון די אבות הקדושים.

אינטערעסאנט, אינעם זעלבן תפלה בעט מען: "ותשמרנו מן הקנאות והגאות ומן הכעס והקפדנות והעצבות והרכילות ושאר מדות רעות", מען רעכנט אויס שרעקליכע שלעכטע מדות, און א שורה שפעטער בעט מען שוין אויף גרויסע זאכן; זעט מען פון דעם אז עס איז נישט שייך צו זאגן מיר זענען ווייט פון די זאכן, מיר זענען פול מיט מידות רעות; ניין, אפילו א מענטש איז ווייט פון קדושה - דארף ער אויך בענקען לבוא למעלת אבותינו הקדושים אברהם יצחק ויעקב.

מיר האבן געזינגען ביז די פאליציי זענען געקומען זאגן אז מען קען נישט זינגען מיט מוזיק (אייזיק ראטה פון ווילאמסבורג איז מיטגעקומען מיט א פידל און געשפילט). מיר האבן געמאכט א רקוד, עס איז געווען דארט געמישטע געפילן; זייער התעוררות'דיג אנגעפילט מיט שמחה.

פון דארט זענען מיר געפארן צום הר הזיתים צום אור החיים הקדוש זכותו יגן עלינו. די בחורים האבן נישט געוואלט אראפקומען פון באס, עס האט אזוי געגאסן, דארט איז נישטא קיין אוהל; למעשה זענען רוב בחורים מיט געקומען.

אויפ'ן וועג אראפ צום ציון האבן מיר געזען דעם יד אבשלום, איך האב זיי דערציילט די געשיכטע פונעם אראפגעבראכענעם האנט. מוהרא"ש דערציילט, ווען דער קיסר נאפאליאן איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל און ער האט געזען דעם יד אבשלום האט ער געפרעגט וואס דאס איז, ווען מען האט אים געזאגט אז דאס האט אבשלום אויפגעשטעלט האט ער געזאגט: "א האנט וואס האט געשלאגן א טאטע טאר נישט בלייבן", ער האט געהייסן מען זאל עס אראפברעכן, מען זעט היינט נאר דער בנין אבער די האנט איז אראפגעהאקט.

איך האב געהאט דארט אן התעוררות. איך בין נישט געווען לאנג ביים ציון, עס האט גערעגנט, אלע זענען נאס געווארן; מיר האט מען געברענגט א שירעם, איך האב אבער נישט געוואלט די אנדערע זאלן נאס ווערן.

אויך לִיגְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שָׁלוֹם שְׁרֶעבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער רְשַׁ"שׁ; אִיךְ הָאבּ דָארְט אויךְ מְקַצֵר גֶעוֶוען צוּלִיבּ דִי רֶעגְן.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּ קֶבֶר שִׁמְעוֹן הַצַדִיק, מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב, גֶעזָאגְט תְּהִלִים בִּיז קַאפִּיטְל מא אוּן גֶעמַאכְט אַ גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת. אויךְ דָארְט בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער אַלֶע נֶעמֶען. הָאַבְרֵךְ שַׁבְּתִי מַארְקוּס נֵרוֹ יָאִיר הָאט אִינְזִין יֶעדֶע מָאל מִיט צוּ שִׁיקְן אַ קְוִויטְל מִיט אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי קְהִילָה.

דָארְט הָאט אֵיינֶער גֶעעֶפְנְט דִי מְעָרַת הַסַנְהֶדְרִין, מִיר זֶענֶען אַרָאפּ אִינֶעם הֵייל אוּן גֶעזִינְגֶען נִגוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת. דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט אוֹיפְגֶעעֶפְנְט דִי מַעֲרָה הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען אָנְצוּצִינְדְן דָארְט דֶעם נֵר תָּמִיד. אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען בְּשַׁעְתְ'ן אָנְצִינְדְן דֶעם נֵר תָּמִיד פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן שְׁמַד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת נֵר תָּמִיד חֵלֶק ב', סִימָן א): "בִּזְכוּת נֵר תָּמִיד הַדוֹלְקִים בְּשֶׁמֶן זַיִת, נִצוֹלִין מִגְזֵרַת שְׁמָד".

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעפָארְן מִיטְ'ן בָּאס, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען עֶסְן נַאכְטְמָאל אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, פוּן דָארְט זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אִין הָאטֶעל.

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין בְּרַאכְפֶעלְד, עֶס טוּט זִיךְ אִין בְּרַאכְפֶעלְד... עֶס וֶוערְן מְקוּרָב פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, עֶס אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין יֶעדֶע שְׁטָאט וֶוערְן מְקוּרָב הֵיימִישֶׁע חָשׁוּבֶ'ע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּם רֶבִּי'ן. אִין בְּרַאכְפֶעלְד הָאט מֶען יֶעצְט גֶעעֶפְנְט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַהִינְגֵיין לֵייגְן אַ מְזוּזָה, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי שִׁיעוּר וֶועט זַיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ זַאל. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אָפְּגֶעמַאטֶערְט, קוֹים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט כֹּחַ, בִּין אִיךְ נָאר גֶעגַאנְגֶען צוּם זַאל.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן שַׁבָּת פָּרָה, אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז טָמֵא גֶעוָוארְן מִיט טֻמְאַת מֵת, אֲבִי אָבוֹת הַטוּמְאָה, אוֹיבּ גֵייט מֶען צוּם כֹּהֵן, מֶען גֵייט צוּם צַדִיק – אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן טָהוֹר. דֶער צַדִיק קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מַאכְן רֵיין, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַלֶע טֻמְאוֹת, אִין אַלֶע זוּהֲמוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ פָאלְגְט מֶען דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִיק אִיז מֶען

דָארְט הָאט אֵיינֶער גֶעעֶפְנְט דִי מְעָרַת הַסַנְהֶדְרִין, מִיר זֶענֶען אַרָאפּ אִינֶעם הֵייל אוּן גֶעזִינְגֶען נִגוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת. דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט אוֹיפְגֶעעֶפְנְט דִי מַעֲרָה הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען אָנְצוּצִינְדְן דָארְט דֶעם נֵר תָּמִיד. אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען בְּשַׁעְתְ'ן אָנְצִינְדְן דֶעם נֵר תָּמִיד פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן שְׁמַד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת נֵר תָּמִיד חֵלֶק ב', סִימָן א): "בִּזְכוּת נֵר תָּמִיד הַדוֹלְקִים בְּשֶׁמֶן זַיִת, נִצוֹלִין מִגְזֵרַת שְׁמָד".



שיעור אין ברכפלד




בית המדרש היכל הקודש אין ברכפלד

זוֹכֶה אַז מֶען וֶוערְט רֵיין. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אַלֶע שִׁיעוּרִים זֶענֶען מְחַיֶה' אוּן מְחַזֵק, אָבֶּער דִי שִׁיעוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – זֶענֶען עֶפֶּעס מֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי דִיבּוּרִים קוּמֶען אַרוֹיס לוֹיט דִי צוּהֶערֶער; דָארְט קוּמֶען אַזֶעלְכֶע דוּרְשְׁטִיגֶע הוּנְגֶערִיגֶע צוּהֶערֶער, זֶענֶען דִי דִיבּוּרִים גָאר אַנְדֶערְשׁ.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ הָאף זֵיי זֶענֶען נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי שְׁוַואךְ אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען. דִי שִׁיעוּרִים וֶוערְן גֶעזָאגְט מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז פַארְ'ן שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ זִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן, מַאךְ אַלֵיינְס אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו בִּיז אַהֶער, דָאס אִיז אַלֶעס פּוּנְקְט אֵיין טָאג פוּנֶעם אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען אֲפִילוּ שְׁרַייבְּן; אִיךְ וֶועל נָאךְ מַשְׁלִים זַיין, אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זַיין בַּיי זֵיי.

פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין פְּלַאן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ שַׁחֲרִית אַרוֹיסְצוּפָארְן קַיין גָלִיל, קַיין יַבְנְאֵל – אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים מִיט דִי בָּחוּרִים, עֶס הָאט אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶערֶעגְנְט אוּן בַּיי מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיוּן אִין יַבְנְאֵל הָאבְּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי וֶוענְט, עֶס אִיז יֶעצְט דָא דָארְט נָאר אַ דַאךְ אוּן עֶס אִיז דָא דָארְט שְׁרֶעקְלִיכֶע וִוינְטְן, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי בָּחוּרִים אוֹיסְצוּזָאגְן תְּהִלִים, הָאבְּן מִיר גֶעטְרַאכְט צוּ פָארְן צוּ פַארְמַאכְטֶע מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, אָבֶּער דָאס אִיז אויךְ צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן וַוייל עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אַ מַארָאטָאן, מֶען אִיז גֶעלָאפְן, דִי גַאסְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן; דִי בָּאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין זַייט אוּן דִי בָּחוּרִים – דִי אַנְדֶערֶע זַייט, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר שָׁעָה בִּיז מֶען הָאט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן...

איך האב געגעסן פרישטאג אין בית המדרש, נאכדעם זענען מיר געפארן אינאיינעם, איך בין געפארן מיט די באס, מיר האבן גענומען די 90 וועג, א הערליכע וועג; א הערליכע פאנאראמע, הערליכע בערג; נפלאות הבורא, איך פאר אלץ אויף דעם וועג.

מיר האבן זיך אפגעשטעלט עסן פרישטאג מיט די בחורים, מיר האבן חס ושלום גארנישט געקויפט אונטערוועגס. די יאר איז שמיטה, דארף מען זייער שטארק אכטונג געבן מיט אלע פירות וירקות. מיר האבן מיט גענומען עסן פון ירושלים מיט די בעסטע הכשר.

מיר זענען געפארן קיין טבריה צום קבר רבי מאיר בעל הנס, איך האב דארט נישט געזאגט קיין תהלים, עס איז געווארן שפעט און איך האב זיך געיאגט אנצוקומען קיין מירון, איך האב אביסל געדאווענט אין אידיש.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין צפת זיך טובל'ען אין די מקוה האריז"ל, די בחורים זענען נאכנישט צוגעוואוינט צו די סארט זאכן, א קאלטע מקוה, אן א האנטוך; איך האב זיי שטארק געבעטן זיי זאלן זיך אויך טובל'ען, רוב בחורים האבן זיך גע'טובל'ט, אפאר בחורים האבן נישט געהאט די שכל, זיי האבן נישט געוואלט ווערן נאס, זיך אנטון אן אפווישן. פון דארט זענען מיר געפארן קיין מירון.

אברהם רוטמאן, איינער פון די גבאים אין ירושלים האט אונז צוגעשטעלט א דירה פאר אלע בחורים מיט היימישע פרישע עסן, זיין ווייב האט דאס אלעס אפגעקאכט. איך האב זיך נאך געקענט אראפלייגן פאר איין שעה לכבוד שבת.

איך בין געגאנגען צו מיין טאטע שליט"א געבן שלום, אויך צו מיין מאמע. מיין מאמע האט דעמאלט געציינדן לעכט. נאכן צינדן האב איך איר געגעבן שלום, זיי האבן זיך זייער געפריידט.

איך האב געזאגט שיר השירים, מיין טאטע האט מיר געבעטן צו זיצן נעבן אים. מיין טאטע שליט"א האט געדאווענט מנחה, איך האב זיך מתבודד געווען. נאכן דאווענען מנחה זענען מיר ארויף צו די מערה דאווענען קבלת שבת.



קארלסבורגער רב זצ"ל מיט מוהרא"ש זי"ע



הקמת המציבה פון גאבד קארלסבורג זי"ע

איך האב געזאגט שיר השירים, מיין טאטע האט מיר געבעטן צו זיצן נעבן אים. מיין טאטע שליט"א האט געדאווענט מנחה, איך האב זיך מתבודד געווען. נאכן דאווענען מנחה זענען מיר ארויף צו די מערה דאווענען קבלת שבת. איך האב זייער אסאך געבעטן, כמעט א גאנץ דאווענען - פאר שמחה, איך בין נישט געווען פרייליך; קען זיין פון אויסגעמוטשעטקייט פון נישט שלאפן אפאר טעג, איך האב געבעטן און געבעטן: "באשעפער מאך מיך פרייליך, געב מיר א מח מחשבה".

איך האב זייער אסאך געבעטן, כמעט א גאנץ דאווענען – פאר שמחה, איך בין נישט געווען פרייליך; קען זיין פון אויסגעמוטשעטקייט פון נישט שלאפן אפאר טעג, איך האב געבעטן און געבעטן: "באשעפער מאך מיך פרייליך, געב מיר א מח מחשבה".

פאר לכה דודי האט מיין טאטע שליט"א גערעדט אין די מערה פאר אפאר מינוט. מיין טאטע האט גערעדט פון דאס גרויסקייט פון זיין ביי רבי שמעון שבת פרשת פרה. בתוך הדברים האט ער נאכגעזאגט פון רבי נתן א שטיקל לקוטי הלכות (יורה דעה הלכות בשר וחלב הלכה ה, אות כד), רבי נתן זאגט אז די זאך פון פרה אדומה איז א גרויסע חידוש, ווייל אלע קרבנות איז מען מקריב דוקא אין בית המקדש מבפנים, און פרה אדומה מאכט מען דוקא אינדרויסן, כל מעשיה מבחוץ; פרה אדומה איז אזעלכע הויכע השגות - וואס מיר קענען בכלל נישט משיג זיין, און נאר אזוי קענען מיר זיך מטהר זיין פון אבי אבות הטומאה; מיר איז דאס געווען א וואונדער, איך האב נאכנישט געהערט מיין טאטע שליט"א נאכזאגן ביי א דרשה פון הייליגן רבי נתן.

מען האט געטאנצן פאר כגונא דעם שיר בר יוחאי כמנהג מירון. אין מירון טאנצט מען אלע שבתים נאך קדיש פאר כגונא "בר יוחאי" און "אמר רבי עקיבא"; עס איז געווען זייער שיין.

נאכן דאווענען האבן מיר געזאגט דעם זוהר פון די גרויסקייט פון סעודות ליל שבת.

מיין טאטע איז ארויף צום ציון פון מיין זיידע. מיר איז דאס געווען א פלא, שבת גייט מען דאך נישט צו קיין ציון. איך האב אים געפרעגט, האט ער מיר געזאגט אז ער האט דאס מבקר געווען און געשריבן דערויף א תשובה. איך בין מיטגעגאנגען, ער האט דארט געזאגט פרק במה מדליקין, געזינגען א ניגון און געזאגט א קדיש.

די סעודה איז געווען אונטן ביי מיין טאטע אין צימער, עס זענען געקומען זייער אסאך געסט פון קארלסבורג לכבוד די ערשטע יארצייט.

די בחורים האבן געגעסן באזונדער, אברהם רוטמאן נרו יאיר האט צוגעשטעלט רייכע סעודות פאר די בחורים אין זייער דירה, איך האב געגעסן ביי מיין טאטע. מיין טאטע האט מיר מכבד געווען צו רעדן, איך וועל דיר שרייבן בקיצור די תוכן הדברים:

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי שקלים ב, ה): "אין עושין נפשות לצדיקים", מען מאכט

נִישְׁט קַיין מַצֵּבָה פַאר צַדִיקִים, "דִּבְרֵיהֶם הֵן הֵן זִכְרוֹנָן", זַייעֶרע וֶוערְטֶער – דָאס אִיז וָואס מַאכְט מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן זֵיי; דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין מַצֵּבָה, נָאר דִי חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פַּטְרְ'ן מִיטְ'ן לֵייגְן אַ מַצֵּבָה. בַּיי סְתַּם אַ נִפְטָר אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ מַאכְן, מַאכְט מֶען אַן עֵסֶק פוּן דִי הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה, אָבֶער בַּיי אַ צַדִיק אִיז דֶער עִיקָר מֶען זָאל זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְגֵיין זַיינֶע וֶועגְן – דִּבְרֵיהֶם הֵן הֵן זִכְרוֹנָן.

מוֹרֵי וְרַבּוֹתַי, מִיר זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אִין מִירוֹן שַׁבָּת פַּרְשַׁת פָּרָה, כג אֲדָר, אִין דִי יָארְצַייט פוּן זֵיידְן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען גֵייט לֵייגְן דִי מַצֵּבָה, דָאס אִיז נִישְׁט גֶענוּג, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף עֶפֶּעס נֶעמֶען פוּן אַזַא אָדָם גָּדוֹל; אַ גוּטֶע מִנְהָג, אַ גוּטֶע קַבָּלָה. אֵיינֶע פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען אִיז צוּ זַיין שְׁטַארְק, פֶּעלְזְן פֶעסְט – וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֲפִילוּ וֶוען אַלֶע הָאבְן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, אַלֶע הָאבְן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס מֶען הָאט אִים זֵייעֶר גֶע'רוֹדְפְ'ט, מֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן זַיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ קַאמֶערֶע אוּן וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן זַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת אוּן יֶענֶעם גֶעפַּיינִיגְט בִּיז מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע אַלֶע מִתְפַּלְלִים, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְן אָן קַיין מִנְיָן. אִיךְ פְלֶעג שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן יֶעדֶע תְּפִלָּה פַאר אַפָּאר יָאר אַרַיינְרוּפְן מִנְיָן - דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן דְּבֵיקוּת בַּה'.

מִיר גֶעפוּנֶען אִין פַּרְשַׁת שְׁמִינִי דִי צְוֵויי סִימָנִים פוּן אַ דָּג טָהוֹר (וַיִּקְרָא יא, ט): "אֶת זֶה תֹּאכְלוּ מִכֹּל אֲשֶׁר בַּמָּיִם, כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת", אַ פִישׁ וָואס הָאט פְּלוֹס פֶּעדֶערְן אוּן שִׁיפְּן – אִיז אַ כָּשֵׁרְ'ע פִישׁ; פִישׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק, דִי צְוֵויי זַאכְן מַאכְן אִים פַאר אַ צַדִיק, עֶר הָאט סְנַפִּיר – עֶר שְׁווִימְט, עֶר גֵייט קֶעגְן דֶעם שְׁטְרָאם, עֶר שְׁווִימְט אִין וַואסֶער אָן אַן אָפְּשְׁטֶעל, אוֹיךְ הָאט עֶר קַשְׂקֶשֶׂת – דָאס אִיז אַ פַּאנְצֶער, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים, מֶען רוֹדְפְ'ט אִים אוּן מֶען אִיז אִים מְבַזֶה; עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין זֵיידְן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִים מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין אִיבֶּער צֶען יָאר. אִין דִי יָארְן וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אִין דִי יָארְן וֶוען מֶען הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים – הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַבֵּל צוּ זַיין אַזוֹיפִיל קְדוּשָּׁה, טָהֳרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁרַייבְּן לַאנְגֶע בְּרִיוו; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר אִין קוּרְצְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי נְסִיעָה.

דִי צוּהֶערֶער הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, זֵיי הֶערְן נִישְׁט אַזַא שְׁפְּרַאךְ; גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען רֶעדְט – רֶעדְט מֶען שֵׁיינֶע תּוֹרוֹת וְכוּ', יֶעצְט הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַבִּיסְל אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אַלֶע תְּפִילוֹת פַארְ'ן עָמוּד, דִי יָארְצַייט אִיז גֶעוֶוען בּוֹ בַּיּוֹם. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט גֶעקֶענְט אוֹיסְוֵויינֶען בַּיים דַאוֶוענֶען אוּנְטֶער מַיין טַלִית. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה, צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּנְטֶערְן טַלִית; פְּרוּבִּיר דָאס אוֹיס. אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִן הַסְּתַם יָאגְסְטוּ זִיךְ צוּ דִי אַרְבֶּעט, אָבֶער שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, שְׁלֶעפּ אַרָאפּ דִי טַלִית אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן בִּיז נָאךְ דִי מוֹיל, אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ.

גֶעוֶוענְלִיךְ צִיעֶן דִי בַּעֲלֵי תְּפִלָּה אוֹיס דָאס דַאוֶוענֶען בַּיי יוֹצֵר; "כּוּלָּם אֲהוּבִים...", "אֶת שֵׁם...", "וְהָאוֹפַנִּים..."; זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען פַאר דִיר בִּיז – לָאמִיר זָאגְן – קְרִיאַת שְׁמַע, דָארְט מַאךְ אַ סְטַאנְצִיֶע אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן ווִילַאנְג דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ וֵויינֶען, קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אוּנְטֶערְן טַלִית, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. נָאכְדֶעם בַּיי נַקְדִּישָׁךְ, בַּיי מִמְּקוֹמְךָ מַלְכֵּנוּ תוֹפִיעַ – זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ; שְׁרֵיי: **"טַאטֶע, מָתַי תִּמְלוֹךְ בְּצִיּוֹן, וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענִיגְן אוֹיף דִי וֶועלְט? מֶען וֶועט נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען יֶעדֶער מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן"**, שְׁרֵיי אוּן וַויין: **"תִּתְגַּדֵּל וְתִתְקַדֵּשׁ בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלַיִם עִירְךָ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין דָבוּק צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל נָאר דִיר".**

בְּרוּדֶער, וֶוער עֶס וֵוייסְט אַבִּיסְל פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת – אִיז אִים אַזוֹי גוּט, גוּט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן גוּט בְּגַשְׁמִיּוּת. מֶען וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן גָארְנִישְׁט, מֶען אִיז זִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט מִתְבּוֹדֵד, דָאס לֶעבְּן וֶוערְט זִיס אוּן צוּקֶער.

אִיךְ הָאבּ עוֹלֶה גֶעוֶוען לַתּוֹרָה.

דִי סְעוּדָה הָאבְּן אִיךְ גֶעגֶעסְן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. נָאךְ דִי סְעוּדָה בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בָּחוּרִים בַּיי זֵייעֶר דִירָה, מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אַבִּיסְל נִיגוּנִים, גֶעגֶעסְן אַבִּיסְל לְכָבוֹד שַׁבָּת אוּן גֶערֶעדְט אַבִּיסְל דִּבְרֵי הִתְחַזְקוּת. דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ פַאלְן, עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ צוּאַוֵויינְט אִיךְ זָאל אִים גֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ זַיין שְׁטַארְק.



מלוה מלכה אין צפת

פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמט), אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט דֶער וָואס פַּאלְט נִישְׁט, אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹיפִיל מַלְאָכִים אִין הִימְל וָואס דִינֶען אִים מִיט אַ פֵייעֶר אוּן אַ בְּרֶען אָן קַיין נְפִילוֹת, אָן קַיין אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן, עֶר ווִיל זֶען ווִי מֶענְטְשְׁן וָואס פַאלְן – הוֹיבְּן זִיךְ אוֹיף, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גְבוּרָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ גִבּוֹר", וֶוער אִיז אַ גִיבּוֹר? "הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ", דֶער וָואס פָּאלְגְט נִישְׁט דֶעם יֵצֶר הָרָע; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַז אַ גִיבּוֹר אִיז דֶער וָואס פַּאלְט נִישְׁט, אַ גִיבּוֹר אִיז דֶער וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ 'דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן'.

מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט אַ טֵייל פוּן דִי בָּחוּרִים אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג נֶעבְּן קֶבֶר הַתַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר, מִיר זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעווִיזְן פַאר דִי בָּחוּרִים דִי מַעֲרָה נֶעבְּן דֶעם צִיּוּן, דָארְט וואוּ עֶר הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דִי לֶעדֶער צוּ מַאכְן שִׁיךְ, 'סַנְדְּלָר' – דָאס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אַרְבֶּעט מִיט שִׁיךְ.

אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעווִיזְן דֶעם בַּארְג קֶעגְן אִיבֶּער, וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ קֶבֶר שַׁמַּאי הַזָּקֵן, מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט וָואס רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יט), וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין מִירוֹן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ קֶבֶר שַׁמַּאי, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן טְרוֹיעֶרִיג, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט עֶר ווֵייסְט פַארְוָואס דָאס אִיז גֶעשֶׁען, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַארְוָואס דָאס אִיז גֶעשֶׁען. מִיר זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, דָארְט אִיז דָא וֶוענְט פוּן שְׁטֵיינֶער, מֶען זָאגְט אַז דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶע בֵּית הַכְּנֶסֶת, מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעשְׁמוּעֶסְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין.

מִנְחָה וְשָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז גֶעוֶוען בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, נָאךְ הַבְדָלָה הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט אַ לַאנְגֶע צַייט מִיט מַיין טַאטֶע. עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַן הַדְלָקָה מִיט סְעוּדַת מְלַוָה מַלְכָּה, אָבֶער



בית המדרש אין יבנאל



ראש ישיבה וויזט וואו מוהרא"ש האט אים געהייסן זיצן




אריינגאנג פונעם בית המדרש אין יבנאל

**פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר אַרוֹיף צוּם צִיּוּן, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים אִינְאֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים שְׁטַייט אוֹיפְ'ן קוֹל. לָאמִיר הָאפְן עֶס וֶועט יֶעצְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן פָארְן חַתּנִים, אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן.**

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין צְפַת, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַוָה מַלְכָּה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן צְפַת, חֵיפָה אוּן טְבֶרְיָ'. אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת אוּן גֶערֶעדְט פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אַ בָּחוּר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מְסַיֵּים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיטְ'ן מְלַמֵּד יוֹשֻׁעַ, דֶער מְלַמֵּד אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין יְרוּשָׁלַיִם.

זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט אִין דִי מַעֲרָה. מָרְדְּכַי אַהֲרֹן הֵיילְפְּרִין הָאט מִיךְ אַרוֹיפְגֶעטְרָאגְן מִיט זַיין קַאר, עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעפָארְן צוּ קֶבֶר רֶבִּי יְהוּדָה בַּר אִילָעָא, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט דָארְט תְּהִלִּים, אוּן גֶעזִינְגֶען וַוארֶעמֶע הִתְבּוֹדְדוּת, תְּפִילוֹת פַאר אַ שִׁידוּךְ, אַפָּאר בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוֹיפְ'ן קוֹל.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן דֶעם בַּארְג צוּם קֶבֶר רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי הַתַּנָּא. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, שָׁם), וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אָן דֶעם אֵייזְל אוֹיפְ'ן בַּארְג צוּם קֶבֶר. מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן גֶעזִינְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת נִיגוּנִים, נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער צוּם קֶבֶר רֶבִּי יוֹסֵי סַארַאגוּסִי. נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶבֶר רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי הָאֲמוֹרָא אוּן צוּ דִי אִדְרָא. מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרוֹיפְגֵיין צוּ קֶבֶר רֶבִּי טַרְפוֹן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדַארְפְט צוּרִיקְקֶערְן קַיין מִירוֹן צוּם הֲקָמַת הַמַּצָּבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען שׁוֹין דִי צַייט - אֵיינְס אַזֵייגֶער, אִיךְ בִּין שְׁנֶעל צוּרִיק קַיין מִירוֹן, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם הֲקָמַת הַמַּצָּבָה – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה.

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל פָארְזָאגְן דִי מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים. עֶס אִיז פּוּנְקְט אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דִי שְׁטֶענְדֶער מִיטְ'ן מֵייק זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי חֶלְקָה וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעלֵייגְט פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, נָאכְדֶעם הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט דִּבְרֵי הֶסְפֵּד, מִיט נָאךְ דְרֵיי רַבָּנִים. בִּשְׁעַת דִי דְרָשׁוֹת הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ דִּבְרֵי מוּסָר 'קוּק וואוּ דוּ גֵייסְט לִיגְן, וָואס וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן פַארְ'ן בֵּית


ראש ישיבה באזוכט רבי יצחק לעזער שליט״א

דִין שֶׁל מַעֲלָה?׳ אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט פַארְשֶׁעמְט בִּיז אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן. אִיךְ הָאבּ צוּגֶעעֶנְדִיגְט פָארְזָאגְן נָאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים; קַאפִּיטְל קיט, דִי נָאמֶען יְחֶזְקֵאל בֶּן יִצְחָק אַיְיזִיק נִשְׁמָה מַצֵּבָה. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט קַדִּישׁ אוּן מֶען הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מַצֵּבָה, אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעזָאגְט דִי פְּסוּקִים מִיט קֵל מָלֵא רַחֲמִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיט מַיין זֵיידֶע אוּן יִבָּדֵל לְחַיִּים פוּן מַיין טַאטֶע.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן פַאר דִי בָּחוּרִים דֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת הַגָּדוֹל וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעבּוֹיט מִיט זַיינֶע לֶעצְטֶע טְרָאפְּנְס בְּלוּט, מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. דָארְט אִין יַבְנְאֵל אִיז דָא אַ רָב מִטַּעַם הַמְּדִינָה הַצִּיּוֹנוּת, אַ קַל, אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא; וֶוער עֶס זֶעט אִים מֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ רָב, עֶר גֵייט מִיט אַ בֶּעקִיטְשֶׁע, מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, אָבֶּער עֶר הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען דִי אִידְן אִין יַבְנְאֵל מִיט אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט יָארְן לַאנְג גֶעגֶעבְּן אַ הֶכְשֵׁר אוֹיף דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, בִּשְׁעַת דֶער אוֹצָר אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט אִין אַ וַואנֶע, אוּן נָאךְ צֶענְדְלִיגֶער זַאכְן. עֶר הָאט גֶע׳הַרְגְ׳עֶט מוֹהֲרָא״שׁ, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶע׳מַסְרְ׳ט מוֹהֲרָא״שׁ, אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר הָאט גֶענוּמֶען פַאר מוֹהֲרָא״שׁ צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם שׁוּל. מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קוּקְן דִי זַאל וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעבּוֹיט צוּ קֶענֶען מַאכְן חֲתוּנוֹת פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּחִנָּם אוּן עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט וֶוען דֶער רָב ס. מ. הָאט גֶע׳מַסְרְ׳ט.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר אַרוֹיף צוּם צִיּוּן, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִים אִינְאֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעזָאגְט תְּהִלִים שְׁטַייט אוֹיפְ׳ן קוֹל. לָאמִיר הָאפְן עֶס וֶועט יֶעצְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן פָארְן חֲתָנִים, אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: ״יֶעדֶער בָּחוּר אוּן יֶעדֶע מֵיידְל וָואס וֶועלְן קוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל אוּן אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים דָארְט בַּיי מַיין צִיּוּן, זָאגְט עֶר צוּ, עֶר וֶועט נִישְׁט רוּעֶן״.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דָארְטְן, בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעבֶּעטְן. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַבִּיסְל גֶעבֶּעטְן, אַפָּאר בַּקָּשׁוֹת; דֶער עִיקָר הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דָארְט דַאנְק וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאדַאנְקְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ פַארְ׳ן מִיר לִיכְטִיג מַאכְן מַיינֶע אוֹיגְן, פַארְ׳ן מִיר בַּאלַייכְטְן מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן וְכוּ׳, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן זָאגְן ״שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ וֵוייס פוּן מוֹהֲרָא״שׁ״.

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ בַּאזוּךְ אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַדְּפוּס ״עֲצָתוֹ אֱמוּנָה״ אִין יַבְנְאֵל. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַיינְגֶענֶעם צוּ טְרֶעפְן דִי אִינְגֶעלַייט פוּן יַבְנְאֵל וָואס דְרוּקְן דִי נֵייעֶ סְפָרִים וְקוּנְטְרֵסִים מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער צוּם וַואךְ נַאכְט פוּן חַיִּים יְשַׁעְיָ דֶעפְּרִיס, אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה. עֶר קוּמְט פוּן לָאנְדָאן, זַיין טַאטֶע אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן אַפָּאר יָאר צוּרִיק. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן גִלְיוֹנוֹת אִין לָאנְדָאן, דֶער אִינְגֶערְמַאן פְלֶעגְט אַלְס בָּחוּר פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין לָאנְדָאן דִי גִלְיוֹנוֹת, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה. עֶר אִיז אַן אֵיידֶעם בַּיי הָרַב אֱלִימֶלֶךְ שַׁארְף חַתַן רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ״א.

דִי וַואךְ נַאכְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען בַּיי רֶבִּי יִצְחָק. קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה מַעֲרִיב, אִיךְ בִּין אַרַיין צוּ רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ״א אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים, נָאכְדֶעם עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן. עֶס אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְזוֹימֶען דָארְט צוּ לַאנְג כְּדֵי נִישְׁט צוּ פַארְפַּאסְן דִי פְלִיגֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזַא שִׂמְחָה זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ״א, יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען מַחֲלֹקֶת אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוֹיף מִיר, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ מִיט לָשׁוֹן הָרָע׳ס אוֹיף מִיר – אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּן דִי גֶעצֵיילְטֶע וָואס הָאבְּן מִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אַז דִי זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן לֹא אַסְתַּיְיעַ מִילְּתָא זִיךְ צוּ טְרֶעפְן. פַאר מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ לִיבּ תַּלְמִידֵי מוֹהֲרָא״שׁ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיךְ הָאבּ לִיבּ אִידְן וָואס זֶענֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַלְוַואי זָאל אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי וִוי זֵיי.

אַיְיזִיק רָאטְה הָאט מִיךְ גֶעטְרָאגְן צוּם עֶירְפָּארְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דַיין טַאטֶע אִין עֶירְפָּארְט, אִיךְ הָאבּ אִים בַּאגְרוּסְט. הָאסְט אַ וואוֹילֶע טַאטֶע, אַ טֵייעֶרֶער אִיד, עֶר אִיז מְחַזֵּק אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן. בַּיי דִי חֲתוּנָה אִין בְּנֵי בְּרַק הָאבּ אִיךְ אִים נָאר גֶעוִוינְקֶען מִיטְ׳ן קָאפּ צוּ בַּאגְרוּסְן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ הַנָאָה גֶעהַאט אַז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעהֶערִיג בַּאגְרוּסְט.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, וֶוער עֶס טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער – דַארְף מֶען שֶׁעצְן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן, עֶס אִיז אַ טָעוּת אֲפִילוּ בַּיי אוּנְז, וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף אֵיינֶעם וָואס טוּט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מֶען מַאכְט יֶענֶעם אַוֶועק, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל עֶס אִיז הַיינְט אַ שְׁעַת חִירוּם, יֶעדֶער דַארְף טוּן מִיט אַנְדֶערֶע, זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעטְרָאפְן דִי גַבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם, קוֹדֶם הָאבְּן מִיר אַיינְגֶעגֶעבְּן דִי פֶּעקְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ טָעוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מִיר פָארְן אַהֵיים צְוֶועלְף אַזֵייגֶער, הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען מִיר אַז מֶען פָארְט אֵיינְס אַזֵייגֶער, הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט יָאגְן. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַפָּאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן בְּנוֹגֵעַ דִי חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם.

אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים בִּין אִיךְ גֶעשְׁלָאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועג.

שְׁמוּאֵלִיק בְּלָעדִי הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט אִין עֶירְפָּארְט, עֶר הָאט מִיךְ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט. אִיךְ הָאבּ בַּאגְרוּסְט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.

חַסְדֵי הַשֵּׁם אִיךְ בִּין צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן פוּנֶעם קָרְבַּן פֶּסַח.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם בְּרִיוו שֵׁיינֶע גוּטֶע שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

בסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפייד

## Grand opening

INDOOR TANTZ MIT AMUNA
AMUSEMENT CENTER

121Twin Bridge Ferndale NY

will be open daily on chol hamoyed
from 11:00 till 6:00
Price $8 a child, adults free

Entry pass enables you to all activities

Private extended family appointments
Available from 6:30 price $65 an hour

Call to reserve
845-376-0380






Kaybee
WIGS

EXCLUSIVE LINE OF CUSTOM LUXURY WIGS AT WHOLESALE PRICES

ALL LENGTHS AND COLORS AVAILABLE

*Treat yourself to a luxury wig for pesach, at a fraction of the cost!*

MIRIAM FELDMAN 347-651-7145

BUY AND SAVE - שטעטל באזאר

*Store hours*

*daily from 10:00 a.m. Till 7:00 p.m*

*Friday 10:00 a.m. Till 2:00 p.m*

*Special Monday night hours open till 10:00 p.m*

*Drop off is the same as the shopping hours*

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער



קדש ורחץ כרפס יחץ מגיד רחצה מוציא מצה מרור כורך שלחןעורך
צפון ברך הלל נרצה פסח מצה מרור חרוסת חזרת אפיקומן זרוע
ביצה חולהמועד שביעישלפסח אחרונשלפסח בראקן חומרות מצרים
יססוף פרעה משהרבינו דם צפרדע כינים ערוב דבר שחין ברד ארבה חשך
מכתבכורות דצך עדש באחב ארבעכוסות מהנשתנה סדר אנגעלאנט
חירות יוםטוב שמחה קרבנפסח פלייש וויין

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ת | ז | צ | ד | ש | ע | מ | ח | ב | מ | ד | ו | א | מ | ר | א | נ | ג | ע | ל | א | נ | ט | ש | ר | ק | פ | י | ל | נ | ח | פ | ת | י |
| מ | ח | ח | ע | ע | ד | ר | ח | א | ש | ה | מ | צ | ה | צ | ע | ר | א | ח | ר | ו | ס | ת | ב | ה | ב | ב | ל | ק | צ | כ | פ | ו | ה |
| ח | נ | ה | ס | פ | ו | ר | ל | ח | ח | ז | ז | ב | ו | ט | ר | ר | ש | מ | פ | פ | כ | ד | ס | כ | ת | ס | י | י | מ | צ | ע | ר | ק |
| ז | צ | ה | נ | פ | ו | מ | צ | ב | ז | ס | א | ה | ח | ע | י | י | ו | צ | ו | ב | נ | ע | ט | י | ה | ת | נ | צ | י | ע | ח | מ | ל |
| מ | ר | ט | ג | ח | ל | כ | ה | ה | ר | ו | פ | ס | ט | ד | ה | ל | מ | ב | ו | כ | ר | ג | א | נ | מ | ר | י | ה | י | ש | ג | ו | מ |
| א | צ | ו | כ | ט | כ | ש | ב | ל | ת | ב | י | נ | ר | צ | כ | ד | ת | ג | י | ב | צ | כ | ר | י | ל | ג | ח | מ | ל | ל | ח | ח | מ |
| ע | נ | ו | ע | ד | ה | ר | י | נ | ו | פ | ק | ש | ב | כ | ב | ו | מ | ב | י | צ | ה | ק | ת | מ | ה | י | פ | א | ד | ג | צ | ח | י |
| פ | ר | צ | ע | ר | א | ל | ב | ע | ע | ח | ו | ס | ד | ר | ר | נ | ר | א | נ | ד | ב | ב | פ | צ | ב | ג | ס | נ | ב | א | פ | ג | ח |
| צ | פ | ו | ס | מ | י | ע | ר | ר | י | פ | מ | י | ב | ו | ק | כ | ו | ח | צ | ק | י | ק | ל | ס | נ | ט | ל | פ | ר | כ | ר | ת | ש |
| י | ב | ג | פ | ט | צ | ד | כ | ו | צ | ב | נ | ט | כ | ע | ו | כ | ר | ר | צ | ד | א | נ | פ | ק | א | ע | ק | ב | ת | ר | ד | ד | ה |
| צ | ו | ס | ר | ש | ו | ד | נ | ע | ג | נ | ש | ב | א | נ | ש | מ | ר | ו | ר | ר | כ | ר | מ | נ | ד | ד | ע | ו | מ | פ | ע | ח | מ |
| ק | ק | נ | ע | פ | מ | י | ג | ח | פ | ה | ת | ח | ר | ח | צ | ה | ד | נ | כ | ב | ו | נ | ב | ת | ז | כ | ש | ט | ע | ס | ג | ז | נ |
| ד | ג | ז | ה | א | ב | ד | י | ל | י | כ | ר | ה | ק | ל | מ | ה | נ | ש | ת | נ | ה | ה | ג | ס | ו | מ | ש | מ | ט | ל | ש | א | ל |
| פ | ד | ס | צ | ר | ס | ר | כ | כ | מ | ד | ח | פ | ב | ש | צ | ו | מ | ל | ס | צ | ב | ב | ק | ס | צ | ל | נ | ו | ח | ל | ד | נ | י |
| ש | מ | ה | ה | ת | ו | ל | ח | ד | כ | ז | ג | ה | כ | ב | ה | י | ל | פ | מ | נ | א | ט | ו | ד | ז | ב | ר | י | ע | ה | צ | י | כ |
| י | ש | ש | ט | ת | י | ז | ק | ר | ח | ו | ל | כ | ח | ל | נ | ס | ס | כ | ר | ג | ת | י | ע | ש | ב | צ | ט | ל | ב | צ | ח | מ |
| ק | מ | פ | ד | ל | נ | מ | ה | ח | נ | ל | כ | ק | ה | ט | צ | ג | ש | ח | ע | ז | ר | י | ו | פ | ס | ח | מ | ד | ת | ב | ג | ש | ר |

העלף נחמן נתן אנקומען צו די סדר!








# וָואס זָאגְט מֶען אִי




וואס וויינט

וָואס וֵויינְט עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק? בַּיי וֶועלְכֶע שְׁטִיקְל הַגָּדָה הַאלְט עֶר יֶעצְט?

לָאמִיר אַרַיינְגֵיין שְׁטִילֶערְהֵייט עֶר זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר קֶענֶען זֶען וָואס דֶער אִיד וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק.

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע, פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט; דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה צוּ זֶען וִוי אַזוֹי פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן רֶעכְטְן אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט הוֹיכֶע כַּוָונוֹת דֶערְבֵּיי.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט אַ צַדִּיק גֶעזֶען וִוי אַזוֹי אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיז עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ פוּן דֶעם אִיד, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נֵייגֶערִיג צוּ זֶען וָואס דֶער אִיד וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״, ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״, דֶער אִיד הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוִויזְן מִיט׳ן פִינְגֶער צוּם הִימְל: ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״, ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״; דֶער צַדִּיק הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען, דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער וָואס מֶען דַאנְקְט

# ן הִימְל אוֹיף מִיר?!

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״, דֶער בַּעַל הַגָּדָה זָאגְט: ״וָואס זָאגְט דֶער תַּם?״ – וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען?!

דֶער צַדִּיק גֵייט צוּם אִיד אוּן זָאגְט אִים: ״אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז אִיךְ הַאק אִיבֶּער, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר, וָואס וֵויינְט אִיר? וָואס הָאט אִיר דָא אִינְזִין?״ זָאגְט דֶער אִיד פַּארְ׳ן צַדִּיק: ״אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ דָא, אִיךְ זֶע אִין דִי הַגָּדָה אַז דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס אוּן דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וָואס דִי אַלֶע הָאבְּן צוּ זָאגְן אוֹיף מִיר, מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נָאר וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל אוֹיף מִיר״; דֶער אִיד פַּארְמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן הֵייבְּט אָן וַוייטֶער צוּ וֵויינֶען: ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״, ׳תָּם׳ אִיז אִין פּוֹילִישׁ ׳דָארְט׳, עֶר וַוייזְט דֶעם פִינְגֶער צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״ וָואס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף מִיר?

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז מִיר זָאלְן נָאכְמַאכְן דֶעם ״תַּם״, עֶס זָאל אוּנְז גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, עֶס זָאל אוּנְז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט, וָואס דֶער רָשָׁע זָאגְט; מִיר זָאלְן נָאר לֶעבְּן מִיט ״תָּם מָה הוּא אוֹמַר״, וָואס זָאגְט מֶען אִין הִימְל אוֹיף מִיר?



## ער אזוי?!

קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם: ״אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט – אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר דִיר זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס״.

# סודאקא



## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**כא.** טוֹב לְאָדָם שֶׁיָּמוּת, מִשֶּׁיִּחְיֶה וְיִהְיֶה שַׁקְרָן בְּעֵינֵי בְּנֵי אָדָם.

**טייטש.** עֶס אִיז בֶּעסֶער פַּאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ שְׁטַארְבְּן, וִוי צוּ לֶעבְּן אוּן מֶענְטְשְׁן זָאל אִים אָנְקוּקְן וִוי אַ לִיגְנֶער.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| 3 | 6 | | | | 5 |
| | 2 | | 3 | | 4 |
| | | | | | |
| 1 | | | | | |
| 4 | 5 | | | 6 | |

## חידות אפטיילונג



דער הייליגער רבי האט געזאגט:
ווען מען האלט די מצה אין די האנט האלט מען?

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | | | 5 | 6 | 4 | | | 2 |
| | | 1 | | 8 | | 9 | | |
| 5 | | | 1 | | 9 | | | 7 |
| | | | 8 | 3 | 1 | | | |
| | 1 | | 6 | 4 | 5 | | 9 | |
| | | | | | | | | |
| | 5 | | | 7 | | | 3 | |
| 2 | 6 | | 3 | 1 | 8 | | 4 | 9 |
| 1 | 3 | 4 | 9 | | 6 | 7 | 2 | 8 |

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: רבי נתן האט געזאגט: אויף פסח וועט זיין, אבער וואו נעמט מען

ענטפער: די פסח אליין

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**רחל שניטצלער - וויליאמסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# מוהרא"ש ביים פארברענען די חמץ ערב פסח



# טרעפ 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער



# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת מצורע?

## פון רעכטס צו לינקס.

2. ווען אידן טוען ____, קען זיי קיינער נישט שלעכטס טון
3. מאך זיך נישט נאריש מיט ____, ברענגט אריין דעם פסח מיט שמחה
4. די ____ הרג׳עט דיר
7. גיי נישט אריין אין ____ איידער דו דאווענסט שחרית
8. לאמיר ____ דעם אייבערשטן אויף וואס מיר האבן, וועט דער אייבערשטער מאכן גרויסע נסים
9. דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז דו ווייסט פון רבי׳ן און דיין ____ איז דיר נישט קיין אפהאלט
10. א ברסלב׳ער חסיד געבט נישט אויף, ער גלייבט אז דער אייבערשטער וועט אים ____
12. דער רבי האט נישט געהאלטן מען זאל מקפיד זיין מיט חומרות וואס ברענגט ____ ____
13. צדיקים לערנען אונז, מיר זאלן ____ אין שול, איבערשפרינגען אלע מניעות און גיין דאווענען

## פון אויבן אראפ.

1. דעם רבינ׳ס ספרים ברענגען ____ צום אייבערשטן
2. ____ איז מסוגל צו תשובה
4. ____ נישט מיט קיינעם, ובעקר מיט די וואס פאררופן זיך ברסלב׳ע
5. האב שכל און קום אהיים צייטליך אז דיין ווייב זאל קענען קומען צו די ____ ____
6. מוהרא״ש פלעגט זאגן מען זאל אכטונג געבן פסח נישט אהיים צו ברענגען די ____ זאכן פון חמץ
8. זיי מכבד דיין שווער, וועט ער אויך אנהויבן ____ מיט דיר אין ברסלב
11. וואויל איז דעם וואס האט נישט קיין ____ אויפ׳ן אייבערשטן

